חיים טשעמערינסקי
(ר' מרדכ'לע).

משלים

קאטערינאסלאוו.
פארלאג „וויסנשאפט".
1919.

448

חיים טשעמערינסקי
(ר' מרדכ'לע).

משלים.

קאטערינאסלאוו.
פארלאג „וויסנשאפט“.
1919.

PRINTED in U. S. S. R.

קאטערינאסלאווער
פארלאג „וויסנשאפט"

קאטערינאסלאוו, דרוקעריי „קולטוראַ", וואסקרעסענסקאַיאַ 15



ח. טשעמערינסקי (ר' מרדכ'לע)

אַ פאָטאָגראַפיע פון 1905-טן יאָר

א פאר ווערטער.

אין אומגעהייער שווערע צייטן טרעט צו דער פארלאג צו זיין ארבעט. די אידישע קולטור, די נשמה פון פאלק איז צעריסן און ליגט צעווארפן אברים-ווייז, גלייך ווי דער גוף האומה. אוק-ראאינע, פוילן, ליטא, גאליציע און אמעריקע—די מקורים פון אי-דישן קולטורעלן שאפן און די צענטרן פון אידישן מאסן-לעזער— זיינען, א דאנק די איצטיגע וועלט-געשעהנישן, צעשניטן, ווי מיט א מעסער. און ס'איז ניטא צווישן זיי קיינע פארבינדונגען, קיין לעבעדיגער אויסטויש.

דאך נעמט אויף זיך אונזער פארלאג די אויפגאבע געבן דעם אידישן לעזער א אידיש ווארט אויף אלע געביטן פון ליטע-ראטור און וויסנשאפט. און מיר האפן, אז, ניט געקוקט אויף אלע טעכנישע און פסיכאלאגישע מניעות, וועט אונזער ארבעט ברייגנען צו באדייטנדיגע רעזולטאטן—זעלבסטפארשטאנדיג, אז קודם כל לעגן מיר ארויף אונזערע האפנונגען אויפן מיטגעפיל פונם לעזער.

מיר ווייסן, אז מערער פון אלץ נויטיגט זיך דער לעזער אין קלאסישער ליטעראטור. און מיר האבן בדעה צו אלעם ערשטן באפרידיגן אט די ברענענדיגע נויט.

ר' מרדכ'לע איז איינער פון די קלאסישע שרייבער, וואס אין דעם קלענסטן כמות שאפט ער ווערטן פון גרעסטן איכות. ר' מרדכ'לעס משלים קענען דינען פאר קינדער און פאר גרויסע, אלע האבן זיך פון זיי וואס צו לערנען. דער פארלאג איז איבער-צייגט, אז דער לעזער און די ליטעראַרישע קריטיק וועט אויפ-נעמען מיט דער גרעסטער צופרידנקייט אונזער ערשטן פרוב.

מיר מיינען, אז אונז וועט געלינגען אין גיכן צו געבן א פולן זאמלבוך פון אלע ר' מרדכ'לעס ווערק. און מיר גלויבן, אז דער אמת'ער פריינד פון אונזער פאלקס-קולטור וועט אפשאצן דעם ווערט פון אוצר. וואס אין זיי איז פארבארגן.

פארלאג.

א חוב פון א יורש.

חיים טשעמערינסקי איז געשטארבן דעם 13-טן יאנוואר 1917 יאר.

אויף מיר איז אויסגעפאלן דער גורל צו זיין בא זיין בעט די גאנצע צייט פון זיין דויערנדיגער שווערער קרענק.

קיין געשריבענע צוואה האט ר'מרדכ'לע ניט איבערגעלאזן. אפשר דערפאר, ווייל אפילו דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן האט ער ניט דערפילט, אז עס קומט די צייט צו געזעגענען זיך. אפשר מחמת אנדערע, מער אינטימע טעמים.

זיינע קינדער—א זון מיט א טאכטער—זיינען אין אויס-לאנד. און צו מיר האט ער זיך געווענדעט, ווען ער האט געוואלט אויסדריקן זיין ווילן.

לויט זיין קלאר אויסגעדריקטן ווילן, געהערט צו מיר די פולע רעכט אויף אלע זיינע ווערק און געלט, וואס ער האט איבערגעלאזט. נאר איך האב פארשטאנען און וויל פארשטעהן זיין מונדליכע צוואה אין דעם זין, אז איך נעם אויף זיך א היי-ליגן קולטורעלן חוב.

ווייל דער אמת'ער, דירעקטער יורש אויף די רייכע קולטו-רעלע אוצרות, וואס ר'מרדכ'לע האט באוויזן צו שאפן, איז דאס אידישע פאלק.

איך האב צונויפגעקליבן אלץ, וואס ר' מרדכ'לע האט אנגעשריבן אין לעצטן יאר, און איבערגעגעבן איינעם פון זיינע נאהנטע גוטע פריינד ביז די לעצטע טעג—דעם געערטן ה. א. דרויאנאוו, וועלכער האט דאס אלץ באהאלטן אין א סייף. צווישן די כתבים זיינען פא-ראן „זכרונות", וועלכע ר' מרדכ'לע האט אנגעשריבן אין העברעאיש, ליגנדיג אויפן קראנקן בעט; די „זכרונות", לויט מיר האבן אפגערעדט מיט דעם ה. דרויאנאוו, וועלן זיך דרוקן אין פארלאג „מוריה". צוליב דער אויסגאבע, ספעציעל אויף צו קויפן פאפיר, זיינען איבערגעגעבן איך די איבערגעבליבענע מזומנ'ע טויזנט רובל.

אלע איבעריגע כתבים, וואס ר' מרדכ'לע האט פריהער גע-שריבן, זיינען צעווארפען אין פארשידענע פעריאדישע און אנדערע אויסגאבן. עס זיינען פאראן אויך ווערק, וועלכע זיינען ניט גע-דרוקט און געפינען זיך מסתמא צווישן זיינע חפצים אין ווארשע. איך האלט פאר מיין חוב דאס אלץ צונויפקלייבן; אויך ווענדן זיך צו אלע זיינע נאהנטע פריינד און חברים מיט דער בקשה פון א

מצווה ועומד: אפשר האבן זיי זיינע בריף, אפשר קענען זיי געבן וועלכע עס איז ביאגראפישע מאטעריאלן, זכרונות וועגן ר׳ מרדכ׳לען,—בעט איך מיר די בריף און מאטעריאלן צו שיקן, כדי עס זאל באשאפן ווערן די מעגליכקייט ארויסצוגעבן א פולע זאמלונג פון אלע זיינע ווערק מיט א פיל מעגליך בולטן בילד פונם מחבר. כ׳האָף, אז קוים די טראנספארט און פאסט פאר־בינדונגען וועלן זיך אויפשטעלן, וועט מיר געלינגען צוטרעטן צו דער גרויסער ארבעט.

אט די צען משלים, וואס געהען ארויס דערווייל אין דעם ביכל, האט אויך ר׳ מרדכ׳לע אנגעשריבן א׳יפן קראנקן בעט, ספעציעל לויט מיין בקשה. אייניגע פון זיי זיינען אפילו שוין געווען געדרוקט. נאר ר׳ מרדכ׳לע האט ניט געהאט פאר זיך ניט דעם כתב יד, ניט די פריהערדיגע אויסגאבן, אזוי, אז ער האט געמוזט קראנקערהייט אויפ׳ס ניי־ שאפן. מחמת פארשטאנדיגע טע־מים האב איך אים מבטיח געווען ארויסגעבן די משלים נאך בא זיין לעבן...

מיר האט זיך געוואלט ארויסצוגעבן דאס העפט מיט די משלים באלד נאך זיין טויט. צוליב דעם צוועק האב איך זיך געווענדעט אויך אין קיעוו, צו דעם ה. נ. מייזל, נאר די אומ־שטענדן זיינען געווארן אזעלכע, אז עס איז ניט מעגליך געווען צו אויספירן מיין וואונש.

איצט, ווען איך בין ארײַן, אלס מיטארבייטער, אין יעקא־טערינאסלאווער פארלאג „וויסנשאפט״, איז מיר פארגרינגערט געווארן מיין אויפגאבע.

מיין ערשטען חוב צאל איך, צום באדויערן, ערשט צו זיין צווייטן יארצייט.

אט דאס קליין ביכעלע וועט, אלס טייערע מתנה, אויפגע־נומען ווערן מיט דער גרעסטער פרייד פון אלע ליבהאבער פון דער אידישער ליטעראטור.

און איך האף, אז אלע שעצער פון ר׳ מרדכ׳לעס נאמען וועלן מיר העלפן אויפשטעלן פאר אים א מצבת עולם, צונויפזאמלען אלע זיינע ווערק מיט די זכרונות וועגן אים. צוליב דעם צוועק, אויסשליסליך צוליב דעם, וועלן פון מיין זייט אויסגענוצט ווערן די געירש׳נטע אויטאר—רעכט.

א. סאפאזשניקאוו

יעקאטערינאסלאוו
15 דעקאַבר 1918 יאר.

א ביסל זכרונות.

חיים טשעמערינסקי (רב מרדכ׳לע) איז איינער פון די אויסגעצייכנטע אידישע פערזענליכקייטן, וואס ווערן געבוירן אן אַ שיר המעלות, לעבן אן אַ דירה און טראגן אוועק מיט זיך פון דער זינדיגער ערד אַ רייכן, ניט אויסגענוצטן אוצר.

ס׳איז שווער אפצושאצן די וואונדער גרויסע פעהיגקייטן, וואס רב מרדכ׳לע האט פארמאגט. ער איז געווען אַ גרויסער חריף, נאר ניט ווייניגער גרויס און שטארק איז געווען זיין זכרון. אַ שאר-פער אנאליטיק, וועלכער האט געקאנט מיט דער גרעסטער ליבע און התמדה אפגעבן זיך אינדוקטיווע עקספערימענטאלע פארשונ-גען: נאטור-וויסנשאפטליכע, פילאלאגישע וכדומה, — האט ער גלייכצייטיג פארמאגט אויך אַ גלענצנדן אינטואיטיוון שכל, אַ קאמפליצירטע דעדוקטיווע, סינטעטישע פעהיגקייט. אין איינער און דער זעלבער צייט האבן אים באהערשט פארשידענע געגנ-זעצליכע נטיות: אַ נטיה צו טעארעטישער קאבינעט-ארבעט, אַ טיפע צוגעבונדנקייט צום געזעלשאפטליכן לעבן און צו זיינע פראקטיש-פאליטישע פראבלעמען; אַ ווילן צו מעשים און אַ שטרעבונג צו לערנען און שרייבן. דערצויגן אויפן עכט-אידישן פארצייטיגן שטייגער, אויסגעקוועטשט די ביינק פון חדר, ישיבות און בתי מדרשים, אויסגעווייקט אין תורה ש״ס ופוסקים, דורכגע-דרונגען מיטן אלטפרענקישן הדוד ופלפול, מיט אבסטראקטע געדאנקען און סברות, איז ער צו דער זעלבער צייט אַ לעב-האפט קינד פון דער לעבעדיגער אידישער גאס, אנגעזאפט מיט איר ביטערן יאוש, מיט איר זארגלאזיגן אפטימיזם, מיט איר צאפלדיגער שפראך, מיט אירע צרות און האפנונגען, מיט איר טיפער ליבע און היכע און שענע טרוימען.

אַ חדר-איד, וואס איז מיט אַ טיפער אינטימקייט צוגעבונדן צו גאטס וועלט, צו דער לעבעדיגער נאטור מיט אירע אלע בא-שעפענישן, אַ שטרענגער קריטיקער און רעאליסט, וואס איז פעהיג איינצוזינקן אין אומענדליכע טרוימען ביז צום פולן פארגעסן זיין גאנצע רעאלע סביבה; אַ מענש, וואס האט ניט גענעכטיגט קיין איין נאכט אן אַ נייעם חלום און ניט געטאגט קיין איין טאג אן אַ נייער המצאה און ווילן — באוועגונג; אַ טאלאנטפולער

רעדנער, שרייבער און טוער; אַ למדן—אַ שטיפער, בא וועלכן דאס לעבן איז אַ שענע מעשה און יעדע מעשה טראגט אין זיך אַ גרויסן ערנסט; אַ פאנטאַן פון וויציגן שכל, וואס שפריצט אן אויפהער מיט שכלדיגע וויצן; אן אייביגער וואנדערער, וואס בייגקט נאך אַ היים, און פון די ד׳ אמות פון דער היים רייסט אים זיין שטענדיגע אומרוהיגקייט; אַ מענש מיט רייכע תאוות און באגרע־ניצטע מעגליכקייטן, מיט שטאַרקע אימפולסן און אַ הייסן טעמ־פעראמענט, בא אַ קאלטער און נייטראלער סביבה; אַ מענש מיט אַ גרויסן אנהויב—אן אַ סוף;—אט דאס זיינען די הויפט־שטריכן פון דער אויסגעצייכנטער אינערליך אומאפהייננגיגער און אויסערליך געבונדענער פערזענליכקייט.

אויב עמיצער זאל בא מיר פרעגן: וואס איז געווען חיים טשעמערינסקי?״—וואלט איך אים געענטפערט: „וואס איז נ י ט געווען חיים טשעמערינסקי?״.

ער איז געווען אן אויסגעשפראכענער אטעאיסט, אַ „כופר בעיקר״—מיט אַ טיפן רעליגיעזן געפיל. אלס געזעלשאפטליכער טוער, איז ער געווען אַ ציוניסט, אַ טעריטאריאליסט און אַ סאָ־ציאליסט. און נ̇יט דערפאר, ווייל ער האט ניט באנומען די אלע שטות, אדער מחמת ער איז געווען פר̇ינציפנלאזיג. ניין. אים איז פשוט געווען שווער זיך צו פארצוימען, דער יאך פון דיסציפלין איז געווען פאר אים אומדערטרעגליך. אלס דענקער איז ער געווען מלא וגדוש מיט פארשידענע וויסנשאפטליכע ידיעות, און אין יעדער וויסנשאפט האט ער געהאט זיינע אייגענע דרכים, אייגענע געדאנקען. נאר נאך רייכער פון זיינע געדאנקען איז געווען זיין שפראך־קענטניש; אויף יעדן באגריף איז בא אים געווען גרייט אַ גאַנצער פעקל מיט ווערטער־סינאָנימען—וועלכע האבן זיך געשאטן בא אים, ווי פון ארבל. ער האט געקענט פיל שפראכן און אויף יעדערער פון זיי איז ער געווען פעהיג צו שאפן.

איך דערמאן זיך פאלגענדן עפיזאד. ס׳איז געווען אין 1901 יאר, בעת ר׳ מרדכ׳לע האט זיך געגרייט צו עקזאמען פאר 8 קלאסן. ער האט געמוזט, גלייך מיט אלע עקסטערנעס, לערנען די קירך־סלאווישער („צערקאווניע־סלאוויאנסקי״) שפראך. איין מאל אין אַ מסיבה, אויף וועלכער ר׳ מרדכ׳לע האט געפרובט שטיפע־ריש איינשמועסן אַ יונג מיידל, אז ער איז אין איר פארקאכט, זאגט צו אים די פריילן: „איך בין גרייט אנצונעמען אייער ליבע פאר גוטן—בתנאי, אז איר זאלט מיר אייערע ליבע־געפילן אויס־דריקן אין דער קירך־סלאווישער שפראך״. ר׳ מרדכ׳לע איז ניט פויל

אויף דער פען, הענדום—פענדום שטעלט ער זיך אויף די קניה און עקספראמפט אין שירים אויף אַ שענער קירך-סלאווישער שפראך האט ער „אויסגעגאסן זיין הארץ“ פאר דער „געליבטער“ מיידל.

נאר באזונדער רייך איז געווען זיין אידיש. ער האט גע-וואוסט ניט נאר אלע אידישע ווערטער, מיט אלע פארשידענע פראווינציאליזמען: ליטווישע, פוילישע, וואלינער א. ד. ג. פאר אים זיינען אויך געווען אָפן אלע וועגן און שטעגן פון אידישן לינגוויסטישן שאפן. ווי אזוי רעדט אַ איד, אַ אידענע, אַ אידישע קינד, אַ זקן; ווי אזוי דריקן זיי אויס זייערע געדאנקען, געפילן, בילדער; מיט וועלכע אופנים זיי באשאפן די נויטיגע ווערטער; ווי אזוי אַ איד „מאכט פון אַ ווארט אַ קווארט“. און בעתן רעדן אדער שרייבן פלעגט ער ליידן ניט פון מאנגל אין ווערטער,— פארקערט, דאס שווערסטע איז געווען בא אים די נויטיגקייט זיך צו באגרעניצן. ווארום אין מאמענט פון שאפן פלעגן אים ארומ-רינגלען גאנצע מחנות מיט ווערטער און ווי פליגן פלעגן זיי אים זשוזשען אין די אויערן: יעדעס ווארט האט געפאדערט אן ארט פאר זיך, געוואלט באקומען אן עליה...

און דעריבער, איז בעת מיר לייענען זיינע ווערק—סיי אין פראזע, סיי אין פערזן—פילן מיר, אז דער מחבר איז איבערגע-לאסטעט מיט ווערטער, אז זיין שאפונגס-פעלד איז פארפלייצט מיט אַ רוישנדיגן שטראם פון אַ שטענדיג לעבעדיגן קוואל. מיר פילן אַ האסטיגן אימפעט, וואס קען זיך ניט אפשטעלן; מיר הערן אַ גלענצנדיגע רעדע, און ניט אונז ווילט זיך אוועקשטעלן אַ פינטעלע, און ניט אונז איז מעגליך צו באשטימען דעם ארט, וואו דאס פינטעלע אוועקצושטעלן.

אנומלט, מיט כמעט צוואנציג יאר צוריק, אויף אַ חנוכה-אווענט אין קריוואי-ראג, האט ר' מרדכ'לע זיך גענומען נאכמאכן די געשווארענע רעדנער פון שטעטל. אזעלכע זיינען דארט יעמאלט געווען דריי: חוץ אים אליין, נאך צוויי:—איינער, וואס פלעגט רעדן מיט זעהר אַ הויכן סטיל, דער צווייטער—„בעלי-בתיש“. די טעמע פון דער רעדע איז באשטאנען אין דעם, וואס די בעל-הבית'טע האט, אנשטאט קיילעכיגע בלינעס, געמאכט דריי-שפיציגע קרעפלאך. קודם כל האט ער גערעדט „וועגן דער געטליכקייט פון דריי עקיגע פארמען“, דערנאך „וועגן דעם מאטעריעלן אינהאלט פון קרעפלאך;“ לסוף, איז ער אריבערגעגאנגען צו זיין אייגענעם ארט רעדן. דא איז געווען פון אלץ וואס אין קארט: אנגעהויבן פון די דריי אבות און דערגאנגען ביז צום דריי-פנימ'דיגן גלויבן. נאר

פלוצים, אין מיטן אַ ניט געענדיגטער פראזע, האט זיך דער רעד-
נער אַוועקגעזעצט—און שא, שטיל. איינער פון דער מסיבה פרעגט
בא אים: „ר׳ חיים, פארוואס האט איר ניט געענדיגט?״—„ע-הע-הע
—איז געווען דער ענטפער—אז איך וואלט ענדיגן, וואלט עס דאך
ניט געווען מיין רעדע!״...

אט דאס איז איינע פון די סאַמע כאראקטעריסטישע שטריכן
פון דעם אויסגעצייכנטן מענשן. אים איז גרינג צו לויפן, צו יאגן
זיך, שפרינגען,—נאר אים איז שווער צו פארצוימען, אפצושטעלן.
אַ גרויסער אנהויב—און אַ סוף...

II.

חיים טשעמערינסקי איז געווען איינער פון די ווייניגע, מיט
וועלכע, ווי אידן זאגן, „ס׳איז אַ מחיה צו פארברייינגען״. נאר ער
איז צו דער זעלבער צייט געווען אויך איינער פון די יחידי
סגולה, מיט וועלכע מ׳קען צוזאַמען שווייגן.

דעם לעצטן מין איז בכלל זעהר זעלטן צו באגעגענען. נאר
ווייניגער פון אלץ קען מען אזא מין מענש טרעפן צווישן פרא-
פעסיאנעלע רעדנער, צווישן די, וואס זיינען געוואוינט צו לעבן
אויפן גאס, מיט אן אפענער נשמה און סאנגווינישן טעמפעראַ-
מענט. די צווייזייטיגקייט פון זיין רייכער און באגאבטער נאטור
האט מיך אממערסטן פארוואונדערט און צוגעצויגן צו אים,
בשעת כ׳האב זיך מיט אים באקאנט-צום ערשטן מאל, אין 1899 יאר.
און פון יעמאלט אן האב איך שוין מער קיין מאל ניט אויפגע-
הערט צו טראכטן וועגן דער גרויסער פערזענליכקייט.

בא דער ערשטער באגעגעניש האט זיך מיר פארגלוסט זיין
מיט דעם אידן צוזאמען. אזוי שטארק איז געווען דער ערשטער
איינדרוק. אין דעם קליינעם שטעטל קריוואי-ראג (כערסאנער גוב.)
איז יעמאלט געווען אַ קליינע גרופע אינטערעסאנטע געזעלשאפט-
ליכע טוער. ניט פון דעם געוואוינטליכן סארט „כלל טוער״, וואס
גיבן אפ דעם קהל זייער בין השמשות, דעם „בין מנחה למעריב״
פון זייער לעבן, ווען זיי ווערן איבערגעזעטיגט מיטן פארהאוועטן
„היינט״ און זוכן, וואו אנידערצולעגן זייערע אויסגעמאטערטע
ביינער. אזעלכע קהלס-לייט ברייינגען מיט זיך דעם עקלהאפטן
ריח פון דער זאטער מידקייט, וואס שטיקט יעדע פרייע איני-
ציאטיוו און לעשט די גליהענדיגע פונקען פון דער פאטענציעלער
סאציאלער התלהבות.

די גרופע, וואס האט יעמאלט געהערשט איבער דעם לע-
בעדיגן געזעלשאפטליכן גייסט אין שטעטל, איז געווען איבער-

געגעבן מיטן לייב און זעעל דעם גרויסן גערודער, וואס יענער דור האט מיט שטורם און דראנג אריינגעבראכט אין כמעט אומ־באוועגליכן אידישן לעבן. די פאלקסטימליכע אידישע אינטעליגענץ האט יעמאלט איבערגעלעבט דעם האניג־חודש פון איר הערא־איש־אידעאליסטישן פעריאד. דער ציוניזם איז ערשט געבוירן געווארן—אלס באפרייאונגס און אויפלעבונגס באוועגונג; דער בעל־הבית האט נאך ניט באוויזן ארויפצולעגן אויף אים זיין העסליכן דעק־טוך.

פון דער צווייטער זייט, איז פון הינטער די היסטארישע קוליסן ארויסגעטראטן דער נייער כח פון דער אידישער נאציע, דער אידישער פראלעטאריאט. אן פאנטאסטישע פלענער און ראמאנטיש־ריטערישע שלעסער האט דער אידישער ארבעטער פארנומען זיין היסטארישן פלאץ. דער הערא־איש־אידעאליסטישער פעריאד פון זיין ערשיינען איז צו דער זעלבער צייט געווען די הערא־איש־רעאליסטישע תקופה פון די ערשטע און שווערסטע קאמף־נסיונות אויף דער איבערגעשראקענער און דערשלאגענער אידישער גאס.

דער רעוואלוציאנערער פראצעס פון קאפיטאליסטישער עוואלוציע האט פונאנדערגעגלידערט אלע נאציאנאלע ארגאניזמען; די גרויסע רעוואלוציאנערע באוועגונגען אין איירָאפע, די אונ־טערערדישע קאמף־ארגאניזאציעס אין רוסלאנד האבן געוועקט און געדרייצט די באפרייאונגס־געפילן. די פאגראמען און רדיפות ספע־ציעל געגן אידן האבן געשראקן. אויפגעוואכטע און דערשראקענע אינטעליגענטן האבן געזוכט אַ שטיקל פלאץ—אַ „היים“ פארן געפייניגטן פאלק. נאר דער אויפגעשטאנענער געזונטסטער חלק פון פאלק וויל באהערשן די גאנצע וועלט פאר אלעמען, פאר דער גאנצער מענשהייט.

וואס איז „שמעלער“ און וואס איז „ברייטער“? דער נאציא־נאלער אידעאל נעמט ארום אלע קלאסן, נאר פון איין פאלק. דער סאציאלער אידעאל איז אנגעמאסטן פאר אלע פעלקער, נאר ער באזועגט איין קלאס. ווי אזוי פארכאפט מען אלץ צוזאמען,— אלע בעסטע אידעאלן, וואס פירן צו דער אויפלעבונג פון דער מענשליכער און נאציאנאלער קולטור? אפשר איז מעגליך אַ סינטעז פוןביידע באפרייאונגס־באוועגונגען:—סאציאלער און נאציאנאלער? אפשר איז מעגליך די גאנצע מארך און בלוט פונם דור איינזאפן אין דער דורשטיגער נשמה, וואס לעכצט און שטרעבט מיטן גרעסטן אימפעט און התלהבות צו אקטיווע מעשים, צום שאפן, צו צעשטערן, צו קריטיק און בנין?

ווער „פון אונזערע יארן" געדענקט ניט יענע נערוועזע און אנגעשטריינגטע אטמאספער—פון הייסע וכוחים, וואס פלעגן זיך פארציהען כמעט אויף גאנצע מעת-לעת'ן, פון אינטענסיוון לערנען און פארשן, פון נייגיריגן, ווארפן זיך מיט אַמאל אויף יעדן ניי ביכל, אויף יעדער נייעם געדאנק! יונגע לייטלאך, וועלכע האבן ערשט זיך אויסגעשפאנט פון דער „מאמעס וויקעלאך", פון די פיר ווענט פון בית המדרש; עלטערע מענשן מיט בערד, וועלכע דער יאך פון לעבן האט נאך ניט איינגעהויקערט ביז צום פארלירן די חושים פון ווילן און באוועגונג-קראפט;—אלע מיט צע-פלאמטע פנימ'ער, מיט ברענענדיגע כשר'ע אויגן, פולע מיט גלויבן און עקשנות, מיט האפנונגען, וואס טרייבן פונאנדער דעם שאטן פון ספקות, און אומאפהיינגיגקייט, וואס איז גרייט אויף די גרעסטע קרבנות,—אלע האמפערן זיך, איבעררייסענדיג איינער דעם צווייטן, אלע שרייען, פרעגן קשיות, ווידעראנאנדן, בויען וועלטן און מאכן זיי חרוב, איבערצייגן און רופן צו פארשידענע מעשים און ציהען אויף פארשידענע וועגן.

און אט שטעלט אייך פאר אַ קליין שטעטל אין דרום-רוסלאנד. אַ צענטראלער פונקט אין אַ רייכן באסיין פון בארג-אינדוסטריע. אין דער סביבה זיינען פאראן אידישע קאלאניעס, וואו אויפן פרייען פעלד ברידערן זיך די אידישע ערד-ארבעטער מיט די קריסטליכע פויערים, באפרוכפערנדיג מיטן אלגעמיינעם שווייס און מיה איין און דאס זעלבע לאנד. אין דער זעלבער סביבה וואקסט און מערט זיך אַ נייער קלאס בארג-ארבעטער. אין שטעטל שוויבלט און גריבלט מיט אידישע סוחרים און מעקלער, וואס ווערן „נתעלה" ארום דעם נייעם קוואל פון אייזן און אנדערע אונטערערדישע אוצרות, ארום דעם גרויסן מעטאלורגישן זאוואד, וועלכן יעדער סוחר שטרעבט ארייננצונעמען אין זיין חזקה. אַ קאנט,—וואו אידן פילן זיך, ווי אין ארץ-ישראל שבחוץ לארץ.

אין דעם שטעטל לעבט אַ גרופע אנגעפארענע אידישע אינטעליגענטן, דערצויגענע אין דער ארעמער ליטא, אויסגעהא-דעוועט אויף דער תלמודישער גלות-ליטעראטור, אנגעזופט מיט דער קלאסישער ליטעראטור וועגן אחינו בני ישראל פון „קאב-צאנסק" און „טונעיאדעווקע". דאס צרה'דיגע בילד פון דער אלטער אידישער טארבע לאזט ניט רוהען זייער געוויסן. ס'ווילט זיך געפינען אַ מקום מנוחה פארן אייביגן בעטלער; אַ נייע היים, אַ געזונטע היים פארן פאלק פון בטלנים, שדכנים, א. א. וו. נאר דער גרויסער קאנטראסט צווישן דער אידישער נאציע, וואס לעבט אין זכרון, און דער אידישער נאציע, וואס שטעהט פאר די

אויגן—אט צו דא אין דרום רוסלאנד,—שפאלט דעם שארבן: אפשר איז די אידישע נאציע שוין ניט דאס, וואס געווען? אפשר איז שוין ניטא קיין איין גאנצע אידישע נאציע?—די אלטע געהט אויפן בית עולם, און אויף איר ארט קומט אַ נייע, מיט נייע פארלאנגען, מיט נייע טענות און תביעות צו זיך און צו דער וועלט?

דערצו איז די לעבעדיגע, צאפלדיגע ידיעות פון ליטא און פוילן, וואו אידישע ארבעטער שטרייקן, ארגאניזירן זיך און פירן א קאמף פאר דער היסטארישער ירושה,—זאגן אויך עדות אויף דעם נייעם קוואל, וואס האט זיך געעפנט אין אונזער פאלקס-לעבן, און פאדערן אַ ראדיקאלע איבערשאצונג פון אלע טראדיציאנעלע אנגענומענע אמת׳ן.

די אלע פראבלעמען האבן געעקבערט דעם מוח און אנגעפילט די אינטעלעקטועלע אטמאספער פון קריוואי-ראגער קרייזל. איך געדענק נאך עד היום דעם טיפן איינדרוק, וואס אויף מיר פלעגן מאכן די טאלאנטפולע און קלוגע רעדעס פון חיים טשעמערינסקי.

געוואוינטליך, פלעגט ער קומען מיט זיין „אפיציעלן וויזיט“ ארום צוויי אַ זייגער באנאכט. פונאנדערגעקנעפלט, די שליאפע אן אַ זייט, מיט וואונדער קלוגע אויגן און אַ ליבן שמייכל אויף די ליפן,—א שמייכל, וואס איז גערן מוחל צו זיין אלץ, חוץ נאַרישקייט,—מיט א גרויסער העזה אויפן אפענעם שענעם שטערן מיט א סך אינערליכן מוט, מיט א שטענדיגער גרייטקייט אדער אלץ נעמען, אדער אלץ אפגעבן. ער איז געווען פון די נאטורן, וואס ווייסן ניט פון קיין מיטעל-ליניע.

„אויב געהן,—איז געהן,-פלעגט ער טענה׳ן, איז לאמיר טאַקע מיין טייערער, זיך אנטון אין בצרוועסן אין זיך לאזן אין וועג אריין—וואלד איין, וואלד אויס“, יא, ער איז געווען פון די, וואס „דאס בארוועסע“ איז פאר זיי ניט קיין אויסטון, נאר אן אנטון, אן עבודה...

ווי מיט א מאגנעט האט מיך געצויגן צו דער שענער פערזענליכקייט. און גאנץ גיך זיינען מיר געווארן נאהענטע גוטע פריינד. כמעט אן ווערטער האט ער מיך באקאנט געמאכט מיט זיין סביבה און אינטימע אינערליכע איבערלעבונגען.

און געווען איז ער אן איידעם בא א שווער, וואס האט פארמאגט אן אייזן-קראם. מיין ווייב האט ער געהאט צוויי קינדער, צו וועלכע ער איז געווען זעהר שטארק צוגעבונדן—א

זון פון א יאר 6—7, קוזקע פלעגט ער אים רופן, און א טאכטער, א קינד פון בסך־הכל א פאר יאר. כאראקטעריסטיש פאר זיין פא-פולאריזאטארישן טאלאנט איז דער פאקט, אז ער פלעגט מיט זיין קוזקען לערנען ספענסער׳ס „יסודות פון סאציאלאגיע“.

—„האט מען דאך מיט אונז אין זיינע יארן שוין געלערנט גמרא, און מיר פלעגן אליין אַ „לייענען“ מאכן,—פאר וואס זאל ער ניט פארשטעהן ספענסערס ויש לישבֿ?“ און ער פלעגט זיך נעמען דערצעהלן, ווי אזוי קוזקע באנעמט ספענסערס שטה, וועלכע קשיות קוזקע שטעלט, מיט וועלכע תרוצים ער בארוהיגט אים א. א. וו

ס׳איז נאך ניט געקומען די צייט צו שרייבן וועגן אלץ, וואס איז שייך צו זיין פאמיליען-לעבן. נאר וועגן איין זאך מעג מען זאגן אפן. פאר אים איז געווען אומדערטרעגליך דאס שטעהן אין קראם. מיינט איר, אז אים האט ניט אינטערעסירט די פראק-טישע עקאנאמישע טעטיגקייט? אדרבה, ער האט געהאט גרויסע פעהיגקייטן אויף דעם געביט. ער איז געווען א ווירטשאפטליכער ארגאניזאטאר פון גרויסן מאסשטאב, מיט ברייטע רייכע פלע-נער און קאמבינאציעס, מיט א רעאלן חוש, מיט א גרויסער איני-ציאטיוו—נאר אים האט אינטערעסירט דער געזעלשאפטליכער עקאנאמישער פראצעס, אבער ניט דער פריוואטער רעזולטאט. די רעאלע מעטאדן, מיט וועלכע עס ווערט דערגרייכט דער פריוואטער רעזולטאט, זיינען אים געווען פרעמד און אויף דורך און דורך פיינטליך.

און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואס די רשימות אויף די סחורות באם שווער אין קראם, פלעגט ער שרייבן אין שירים. דעריבער איז פארשטאנדיג, פארוואס בעת א גרופע אונטערנעמער האט אים קאמאנדירט אין ארלאווער גובערניע אויספארשן די אונטערערדישע אוצרות און די אינדוסטריעלע מעגליכקייטן—איז ער נאך א לענגערער צייט צוריקגעקומען פון דארט קרוע ובלוע, נאקעט און לוסטיג מיט א פראנצויזישן ביכל אין האנט. און אויף דער פראגע: וואס האט איר דארט געפונען?—איז געווען דער ענטפער: „איך האב זיך אויסגעלערנט פראנצויזיש. וואס דארף איך נאך?“.

און דער זעלבער ר׳ מרדכ׳לע, שוין אין די לעצטע יארן, אין אנפאנג פון דער מלחמה, האט זיך פארקאכט מיט א גרויסן פלאן פון א גרונטליכער פינאנץ-רעפארמע אין ר. סלאנד. אין מיטן א מיטוואך, שפעט באנאכט, רייסט זיך פלוצלינג ארייַן צו מיר אין קיעוו דער ליבער ר׳ מרדכ׳לע מיט א העפט אין האנט.

ער פארט פון ווארשע נאך פעטראגראד. אינם העפט איז באַ-שריבן דער פראיעקט, ווי אזוי צו רעפארמירן די פינאנץ-סיסטעם פון רוסלאנד, „פארבייגעהענדיג”, איז ער פארפארן צו מיר אין קיעוו זיך מישב זיין וועגן די טעארעטישע הנחות און פראקטישע מסקנות פון זיין פראעקט. ווער שלאפן, וואס עסן? מיר האבן זיך געמוזט תיכף ומיד אוועקזעצן פאר דער ארבעט. און ביז שפעט באנאכט האבן מיר געדרונגען און זיך געהאמפערט ארום זיין פלאן.

מיט התפעלות, כמעט, ווי א קינד, האט ער גערעדט וועג יעדן ווינקעלע פון זיין בנין, אויסגעפוצט יעדעס ברעקעלע, אפגעוואויגן און באטראכט יעדע טעארעטישע סברא און יעדע פראקטישע המצאה. קען מען דען פארשפארן אזא גרויסן גע-זעלשאפטליכן טעמפעראמענט אין די פיר ווענט פון אן אייזן-קראם?

ס'קומט אויפן געדאנק בערנע'ס א מאמר: ווערט מיר זאגן א א מיניסטער, אז ער איז קליגער פאר מיר, וועל איך אים מיט שאלאכץ דעם פנים פארוואַרפן. נאר יעדער טאַנדעטניק קען מיך אפנארן צעהן מאל אויף א טאג.

אונזער „אויבער-מיניסטער”, וואס האט געדארפט שטעהן בא דעם קראם-טיש,—איז געווען געצוואונגען צערייסן די קייטן פון לעבנס-יאך. אים האבן ניט געקאנט באפרידיגן אפילו די שענע טעג און נעכט פון קרייזל-געמיינעאפט. זיין נשמה האט זיך מער ניט געקענט באנוגענען מיט ווערטער, מיט פלפול; זי האט גע-שטרעבט צו מעשים, צום זודיגן תהום פון אונזער זינדיגן ערדישן גיהנום.

צו ערנסט און אינהאלטס-רייך איז געווען יענע צייט, צו גרויס און צאפלדיג איז געווען זיין פילזייטיגער טאלאנט, אז ער זאל קענען זיך בארוהיגן אין דער אידילישער סביבה, וואס האט אים ארומגערינגלט, און זיך לאזן געלאשן ווערן פון איר שוים.

גאנצע נעכט פלעגן מיר פארברייינגען אין צווייען. און האלב גערעדט האלב געשוויגן, האט ער מיר פארטרויט זיין שרעקליכע אינערליכע טראגעדיע. „ווייטער אזוי קען איך שוין ניט מער. לאמיר זיך נעמען, ווטער ברודער, פאר די הענט און—אוועק פון דאנען.” און אויף מיין פארשלאג, ער זאל אפפארן מיט מיר קיין אדעס, וואוהין כ'האב זיך דאן געצויגן, איז געקומען דער אנט-שלאסענער ענטפער: „כ'בין גרייט—מניע טשטאָ?”

מיר האבן אפילו געפרובט אַ קלער טון מכח פרנסה, פון וואנען צו לעבן. נאר וואס האבן מיר געקענט צוטראכטן? חוץ דעם, איז דען כדאי צו פטרן צייט אויף אזא קליינינקייט? אגב, דער־מאנט זיך ר׳ מרדכ׳לע אן דער מעשה מיט מענדעלען, וואס זוכט ווי ארום אפצושפּאָרן, און פאלט אויף אַ המצאה פארשפּאָרן לייצעס פאר דער קליאטשע, ווארום מאי נפקא מינה. וואוהין די קליאטשע וועט אים פירן? סיי ווי סיי לייזט ער ערגעץ אַ פרוטה ניט.

גלות,—איז גלות, השם יתברך וועט העלפן... און מיר לאזן זיך ביידע קיין אדעס. אַ פאר פאלק. איינער פון אַ יאר צוואנציג, דער צווייטער—אכט און דרייסיג.

מיר פארן אהינצו, מיטן ציועק צו לערנען, זיך באקאנען מיט דער גרויסער וועלט, אפשר וועט אונז געלינגען צו פאר־שטעהן, וואס וויל פון אונז אונזער דור און וואס ווילן מיר אליין פון זיך.

.III

אין אדעס האבן מיר זיך באזעצט אויף רישעליעווסקער גאס אין אַ באזונדער צימער. ר׳ מרדכ׳לע האט זיך גענומען גרייטן צום אטעסטאט פאר 8 קלאסן. מיר איז אויסגעקומען, לויט זיין וואונש, דורכצוגעהן מיט אים דעם קורס פון מאטעמאטיק. נאר אויב איר מיינט, אז ער האט זיך גענויטיגט אין אַ מלמד,—האט איר אַ טעות. זיינע פעהיגקייטן אין דעם למוד זיינען געוועזן אזוי וואונדערליך גרויס, אז מיין אויפגאבע איז גיכער באשטאנען אין דעם, וואס איך האב געוויזט אים אפהאלטן, כדי צו פארצוימען זיין מאטעמאטישן חידוד אין די גרעניצן פון דער מיטל־שול. ניט נאר די באגריפן, נאר אפילו די סימבאלן האבן באקומען בא אים אַ לעבעדיגע נשמה. זיי פלעגן זיך באוועגן, פרוכפערן; זיי פלעגן וועקן זיין כח הדמיון און כח המדמה; זיי פלעגן אים ניט לאזן רוהען סיי באטאג, סיי באנאכט. וויפיל מאל פלעגט זיך טרעפן, אז ר׳ מרדכ׳לע כאפט זיך אויף אין מיטן נאכט, און הויך אויפן קול מיט אַ גמרא־נגון הויבט ער אן צו באוויינען אַ פאר פאלק: עפּעס אַ פאר ציפער, אין „אום״ מיט אַ „גראַד״,—וועלכע ער האט געפּרובט משדך זיין, אויספּוצן אין עסיג און האניג און שטעלן אונטער איין „פארמעלער״ חופה,—נאר פון זיווג האט זיך אויס־געלאזט אַ בוידעם. „שטעהט אויף, פלעג ער מיך וועקן, ס׳איז נויטיג אום לעבן נאך אן אונטערפירער״...

געלערנט האט ער אויפן אלטן ישיבה־שטייגער,—געזופּט. אַ געשווינטע תפיסה און אַ זכרון, וואס פלעגט קיין זאך ניט פאר־

לירן, אַ טיכער קוק און אַ קלעפּיגע אסאציאציע, וואָס איז געווען מסוגל צונויפבינדען און צונויפוועבן „אַ וואנט מיט אַ וואנט“,— דאס אלץ האט זעהר פארגרינגערט ר' מרדכ'לען צו באהערשן די „סיסטעם“ פון מיטל-שול בילדונג, וועלכע ער איז שוין פון לאנג אריבערגעוואקסן, און וועלכע ער האט בטבע ניט ליב געהאט. כדי צו פארפעפערן דעם טרוקענעם קורס פון געשיכטע, איבער-הויפּט די געשיכטע פון מיטל-אלטער, וואס קיין מוטער מענש איז ניט אימשטאנד זי צו באנעמען, איז ר' מרדכ'לע ניט פויל געווען אויפן פען צונויפשטעלן אן אייגנארטיגן קאנספעקט אין פערזן—מיטן נוסח פון אקדמות.

בכלל איז דאס לערנען געגאנגען מיט פיל התמדה און אריינגעטאנקייט. דאך האט עס ניט געשטערט ר' מרדכ'לען אפּגע-בען א סך צייט אנדערע ענינים. אדעס איז יעמאלט געווען א היפשער „מרכז רוחני“. דארט האט געוואוינט אחד העם, בא וועלכן אויף די „פרייטאג-אוונטן“ פלעגן זיך טרעפן אידישע ליטעראטן און כלל-טוער; דארט איז געווען מענדעלע מוכר ספרים, ליליענבלום, דער „חוט המשולש“: ביאליק, ראבניצקי און גוטמאן; דארט איז געווען דובנאוו און „רב קרוב“ (לעווינסקי); דארט האט זיך אנטוויקלט אַ לעבעדיגע ארבעט פון פאליטישן ציוניזם, פון „נאציאנאלן קאמיטעט“ וואס האט געפירט א הייסן קאמף קעגן דער אסימילאציע, קעגן די טוער פון חברה מפיצי השכלה: מנשה מרגלית, ביקערמאן, סאקער און לאזאראוויטש; אין אדעס איז דער קאמיטעט פון חובבי ציון; דארט האט זיך אויך אנ-טוויקלט א גרויסע באוועגונג צווישן דער אידישער ארבעטערשאפט.

ר' מרדכ'לע האט אויפגעלעבט, אין אים האבן זיך פונאנדערגעבליהט אלע זיינע אינערליכע כחות, מיט דער נאאיווער נייגעריגקייט פון א קינד פלעגט ער לויפן צו די „גדולים“, הנאה צו האבן פון זייער שכינה און „טרינקען פון זייער וואסער“ און מיט אַ גיפטיגן שמייכל פון אַ „אויס-גערויכערטער ליולקע“ פלעגט ער אויסשפאטן אחד-העם'ס בארג סיני, וואס שטעהט אין א וויסטן מדבר, אן א פאלק, וואס זאל „פאלגן און הערן“; דעם „נאציאנאלן קאמיטעט“, וואס דאגה'ט וועגן אלץ, חוץ דער נאציע גופא; דעם פאליטישן ציוניזם-אן א פאליטיק פארשטאנד, אן פאליטישע וועגן און מעטאדן; דעם פאלעסטינער קאמיטעט, וועלכער שרייבט קול קוראס, רופט צונויף אסיפות און צוזאמענפארן, רייסט איין א וועלט און ענדיגט מיט דעם, וואס ער פארשטופּקעוועט אן איינגעפאלענעם דאך בא א קאלאניסט, אדער קויפט פאר אים א ציג.

און בעת אחד העם האט געזוכט פויגל מילך פאר די וואס האבן ברויט, בעת אחד העם האט מיט זיין קלאסישער קלארקייט

פארמולירט: „פאר די וואס זייער מצב איז נאך ניט אזוי שלעכט,— פאר זיי זאג איך; האט ליב ציון„,—איז ר׳ מרדכ׳לעס טיפער אויג געווען געווענדעט אין די אדעסער פאדוואלן, אין די נאסע פינסטערע קעלערס פון אדעסער אידישער ארעמקייט, וואס נויטיגט זיך ערשט אין ברויט, הייצונג און אנטאן,

און ער פרעגט: וואס קען אט די אידן געבן די ליבע צו ציון? נאך אין 1901 יאר, מיט א פאר יאר פאר דעם זעקסטן „אוגאנדע קאנגרעס״, האט טשעמערינסקי אנגעשריבן פארן „השלוח״ אן ארטיקל: „ארץ ישראל או ארץ לישראל״, אין וועלכן ער מאכט א תל פון דעם פאלעסטיניזם, שטעלט זיך אויפן אפי־קורסות—טעריטאריאליסטישן שטאנדפונקט און באווייזט, אז מיט קברים און מצבות, ווי הייליג זיי זאלן ניט זיין, קען מען ניט פארענטפערן די עמיגראציע, דעם אידישן הונגער און נויט. מחמת דעם שארפן און סאטירישן טאן פון דעם ארטיקל האט אחד העם—דער רעדאקטאר פון „השלוח„—ניט מסכים געווען אים צו דרוקן.

ר׳ מרדכ׳לע ווערט ניט נתפעל, און ער שרייבט אן א טא־לאנטפולע סאטירע „אויפן הימל א יאריד״ (אויך אין לשון קודש „שוק בשמים״), וואו ער גיסט אויס זיין גאל אויף אלע יעמאלט־דיגע פראגראמען פון די פארשידענע משכילישע און בירגערליכע ריכטונגען. משיח וויל קומען אהער, אויף דער זינדיגער ערד, נאר דעם ווייסן פערד געהט ער איינהאנדלען אויפן הימל, אויף דעם גרויסן יאר־יאריד. יעדער פארטיי שלאגט אים פאר איר סחורה, אויסדערצעהלנדיג דערביי אלע אירע מעלות. משיח באטראכט דעם גאנצן רומל און, סוף כל סוף, קומט ער צו דער איבערצייגונג, אז ניט אויף איינעם פון די פערד קען מען זיך ניט אראפלאזן זיכער אויף דער פשוט׳ער ערד. מיט זיי, ווי אן זיי, בלייבט ער אלץ טאקע הייגען אין דער לופטן.

און דא אין זיין אידישן שאפן הויבט אן ר׳מרדכ׳לע ארויס־צובאווייזן זיין וואונדער גרויסן מהות. דאס אידישע ווארט, דער אידישער לינגוויסטישער עקוויוואלענט פון לאגישע און פסיכא־לאגישע אקטן און פראצעסן,—גיסט זיך בא אים פון א פליסנ־דיגן קוואל. ער דארף ניט טראכטן, זוכן, ארויסקיועטשן. פלוצים, ליגענדיג בא נאכט אין בעט, כאפט ער זיך אויף און זאגט שיר. ער זאגט ווי א וואסער, ווי א איד זאגט „אשרי״, געשווינט און גלאט, ווי א שליטן אויף אַ שניי־וועג.

ניט איין מאל פלעגן מיר אזוי פראווען חצות. ער אויף זיין בעט, איך אויף מיינער, פלעגן מיר זיצן אין דער פינסטער מיט

די פאפּיראָסן אין מויל,—און ר׳ מרדכ׳לע פלעגט מיט אַ גלאַנצנדן מאטעלער *) מענה-לשון אימפּראָוויזאטאריש שיטן פּערזן, ווי פּערל, וועגן כלערליי שאלות און ענינים, וואס האבן „פּאַרוואָגלט דעם שלאף פון זיינע אויגן“. ער האט זיך געשטיפט, ווי געשפּילט, גע׳חנ׳ט מיט די ליבע אידישע פּערל; נאר אין דעם שטיפן איז געלעגן איינגעהילט דער גרויסער ערנסט פון אַ פאלקס-דיכטער. אין זיין ריטם פילט זיך דער ריטם פון אַ דור אַ נע-ונדניק, וואס וואגלט, וואנדערט און זוכט, דורשט, זופּט מכל הבא בידו און קען ניט לעשן די פייערדיגע תאוה צום לעבן און אמת.

עס ראנגלען זיך אין אים דער סאטיריקער מיטן נאאיוון קינד; דער הומאריסט מיטן טיפן פארביינקטן טרויער; דער האַ-פּערדיגער רעדנער מיטן שטומען שווייגער; דער אויסגעפּוצטער „דייטש“ מיט דער נאקעטער, עלנדער נשמה פון אַ פּרוש. ער דערפילט די דראמע פון די, וועלכע זיינען רעאַליסטן עפּיקורעער, לויט זייערע אידעאלן, און אידעאליסטן אסקעטן, לויט זייערע מעשים; די, וואס אנשטאט קרבנות און כפּרות פאַרן רבונו של עולם, זיינען זיי גרייט צו ברענגען קרבנות פאַרן אונטערגעדריקטן פאלק; די, וואס, אנשטאט דעם „ווייסן האן“, האבן זיי אויפגעהויבן איבער זייער קאפּ די רויטע פאַן פון רעוואלוציאנערן קאמף פאר דער באפרייאונג פון דער מענשהייט.

צו יענער צייט איז זיין פאמיליען לאגע געווארן קלערער, אבער דערפאר נאך מער טרויעריג. די ווייב מיט די קינדער האבן זיך אריבערגעקליבן קיין דרעזדען, און ס׳איז שוואכער געווארן די האפנונג, ער זאל זיך קענען זעהן אין גיכן מיט די קינדער, נאך וועלכע ער האט שטארק און טיף געבענקט. צייטנווייז פלעגט ער אפליגן אין בעט גאנצע מעת-לעת׳ן דורכאנאנד—און שווייגן, ווי וואסער אין מויל אנגענומען. צייטנווייז פלעגט ער ארויסלויפן אויף אַ וו״לע אין קלייטל, וואו מיר פלעגן קויפן ברויט, ברינזע און פאר אַ גראשן צוקער, כדי צו פארווייסן דאס ביסל ווארעמס פון שכנישן טראקטיר,—און אזוי, אן אַ „זיי-געזונט“, פלעג ער פארפאלן ווערן אויף אַ טעג 3-4. מסתמא האט ער באגעגענט פראנקפורטן (אַ מיטגליד פון פאלעסטינער קאמי-טעט) אדער עמיצן אנדערש און „געכאפּט אַ שמ׳ך“ אויף אַ שעה זעכציג—זיבעציג. אבער דאס פלעגט זיך טרעפן מיט אים נאר צייטנווייז, און וואס ווייטער אלץ זעלטענער.

*) „מאטעלע“ (Мотыль) אַ שטעטל נעבן פינסק, וואו ר׳ מרדכ׳לע איז געבוירן און ערצויגן.

דער עיקר, האט ער זיין איבערפליסיגע טעמפעראמענטפולע אקטיוויטעט אפגעגעבן דער געזעלשאפטליכער ארבעט. אין אדעס האבן זיך געגרינדעט אַ היפשע ביסל ארבעטער קרייזן. פון אנפאנג איז דאס געווען אַ ריין ציוניסטישע ארגאניזאציע. געארבעט האבן דארטן אבער די לינקע ציוניסטישע יונגע-לייט. אַ שטיקל צייט האט מיט די קרייזלאך אנגעפירט טעפער, וועלכער איז נאכן פינפטן קאנגרעס געווארן אַ בונדיסט (דערנאך—דוכט זיך—אן אנארכיסט). די ארבעטער-קרייזלאך זיינען געווארן דער יסוד פונם פועלי-ציוניזם אין דרום-רוסלאנד, און שפעטער אין 1904—1905 איז די אדעסער ארגאניזאציע געווארן איינע פון די וויכטיגסטע שטיץ-פונקטן אין דרום פאר דער ס"ס'שער פארטיי.

קריזלאך איז געווען, ווי געזאגט, אַ היפשע ביסל—אין שטאט נאר איבערהויפט אויף „פערעסיפ“ און „מאלדאוואנקע“ מ'האט געדארפט לויפן פון איין עק שטאט אין צווייטן. זויפן „קאנקע“ (יעמאלט איז אין אדעס קיין טראמוויי נאך ניט געווען; אין שטאט פלעגן פירן די וואגאנעס צוויי פערדלאך און אויפן פערעסיפ איין פערדל, נאר די פערד האבן אויך ניט געוואלט פירן אומזיסט) איז קיין פרוטה ניט געווען, מוז מען לויפן צו פוס, מיט צעריסענע שיך און זאקן. חוץ דעם, זיינען דאך פאראן אַ סך בתי-מדרשים, וואו שבת און יום-טוב פארזאמלען זיך פילע בעלי-מלאכות, ארבעטער און סתם ארעמע לייט. אמאליגע יאָרן איז דער בית המדרש געווען כמעט די בעסטע האלב-לעגאלע טריבונע, און די אידישע סאציאליסטישע פראפאגאנדיסטן פלעגן די בימה אויסנוצן מיט גרויס ערפאלג.

איר האט באדארפט זעהן טשעמערינסקען אויף דער בימה אין אַ בית המדרש! אַ בקי אין תורה, תלמוד און מדרש; אַ קינסטלער, וואס האט כמעט די גאנצע אידישע נאציאנאלע ירושה איבערגעדיכטעט אין וואונדער-שענע בילדער; אַ מענש, וואס האט איבערגעפילט און איבערגעווייטאגט כמעט אלע צרות און דראמעס פון די פילפארביגע עפאכעס פון אונזער טויזנטער-יאריגער געשיכטע;—ווי אַ לעבעדיגער און זיכערער יורש און מצווה פלעגט ער אונטערפירן דעם סך הכל פון אונזער נאציאנאל-קולטורעלן באלאנס, פון דעם פארוויקלטן חשבון הדורות, וואס די קעמפנדיגע אידישע דעמאקראטיע פירט מיט אירע הערשער: די כהנים, מלכים, שופטים, נשיאים, ריש-גלותא'ס, רבנים, תקיפים, מתנגדישע גאונים, פאלשע משיחים, הסידיש-יעזואיטישע „גוטע-אידן“, אסימילאנטישע בעלי טובות און גביריש-משכילישע ציונים און מזרחים.

אים האט ניט אפגעשראקן די הייליגקייט פון יום כפור, און מיט גאל און שפאט האט ער אויסגעבייטעלט אלע בייזע חלומות אויף דעם עולם־גולם, וואס מאכט זיך ניט ווי־סנדיג און מיט יראת הכבוד לייענט ער דעם „ועניתם את נפשותיכם“, די פרשה פון חומש, וואו ס'ווערט געבאטן, אז אידן זאלן אומבאדינגט קאסטן דעם צענטן טאג אין חודש תשרי, ער מאכט אַ ברכה, ענטפערט אמן, קושט די הייליגע תורה,—און תיכף ומיד נעמט ער זיך פארן מפטיר, וואו ישעיהו הנביא לאכט זיך אויס פון די ווילדע תעניתים, פאדערט מ'זאל בעסער זיך צעטיילן מיטן ארעמאן מיטן לעצטן ביסן, צערייסן די קייטן פון די ארעסטירטע פארברעכער,—און אט די דאזיגע הפטירה לעזט מען ווידער אַמאל מיטן זעלבן יראת הכבוד, מיט דער זעלבער ברכה, אמן און קוש. און אין צוזאמענהאנג מיט די ווילדע סתירות, וואס זיינען פארבונדן מיט דער אומגעלומפערטער קאנאניזאציע, פלעגט טשעמערינסקי זיך צעלאזן אויף טיש און אויף ביינק און ווי אַ כירורג פלעגט ער פונאנדערשניידן דעם היסטארישן צודעק און באלייכטן דעם סאציאלן תוך פון אונזער פארבייגעגאנגענעם אור־עלטער.

ווי אַ פיש אין וואסער האט ער זיך געפילט אויף דער בימה־סיי אין בית המדרש, סיי אויף אסיפות פון דער אידישער ארבעטערשאפט. אין אים האבן זיך פאראייניגט די קונסט פון אַ פאפולאריזאטאר מיט דעם פייערל פון אַ רעדנער—אַ וועקער און מיט דער לוסטיגקייט פון אַ שארפזיניגן משל־זאגער. בעת ער האט גערעדט איז ער געווען צוגעקאכט צום פובליקום, צום אינהאלט פון זיין רעדע און צו דעם פליסן פון זיינע אייגענע געדאנקען און געפילן. אלע: דער רעדנער, די רעדע און די צוהערער זיינען געווען אכאציאירט, צונויפגעוועבט אין איין גאנצן קאמפלעקס, אלץ צוזאמען האט זיך באוועגט, און די באוועגונגען זיינען געווען אזוי צונויפגעפלאכטן, אז ס'איז שווער געווען צו באשטימען, ווער איז די סבה און ווער איז דער פועל יוצא, ווער איז דער סוביעקט און ווער איז דער אביעקט. די אפטע איבערגאנגען פון טיפזיניגע וויסנשאפטליכע געדאנקען—צו בילדער, וואס צינדן אן די עמאציע; פון עסטעטיש־פראכטפולע בילדער,—צו שארפזיניגע „מלתא דבדיחותא“, און צוריק,—אט די אלע מעטאמארפאזעס פון מעלאנכאליע—צו לוסטיגקייט, פון וויינען צו לאכן, פון כעס און האס — צו ליבע און צארטקייט פלעגן פארקומען אזוי פשוט און שנעל, גלייכצייטיג סיי בא אים, סיי באם פובליקום, סיי אין דער פארם, סיי אין דעם אינהאלט, סיי אויף דער בימה, סיי אין גאנצען שטח פון זאל,—

אז ס'איז געווען אבסאלוט אוממעגליך צו זאגן: וואו איז דא דער אנהויב און וואו דער סוף. צי די שטימונג פון דעם עולם האט געווירקט אויפן רעדנער אין ארויסגעיאגט פון אים, ווי משה רבינו פון שטיין, א נייעם קוואל פון מים חיים; אדער די באוועגליכע און בליצנדיגע אינטואיציע פון דעם רעדנער גיסט אריין איטליכס מאל אלץ נייע שטראמען דורך די צנורות פון קלינגענדיגע ווערטער אין די מחות און הערצער פון עולם; אדער, אפשר, די רעדע אליין, אליין פון זיך, האט זיך צעטראגן, ווי א שארפע „טראייקע", אן לייצעס, און מיט איר אימפעט האט זי פארכאפט אין קאן אלעמען: אי די בימה, אי דעם זאל.

ווארום, באמת, ווער קען אפהאלטן אזא רוישענדיגן אימפעט, וואס זיינע תנועות זיינען וואונדערליך אומערווארטעט, זיין כח — א מתנה פון גאט, זיין וואג און מאס ווערן באשאפן אין פראצעס פון זיין אייגענעם גאנג? „מלך פורץ גדר ועובר", — אַ געקרוינטער טאלאנט צערייסט דעם צוים און געהט זיין וועג. זיין פיגור איז געווען דער בעסטער עדות, אז איר האט צו טאן מיט א „פורץ גדר". בעת ער שטעהט אויף דער בימה, אדער אפילו ווען ער געהט אין גאס, פארטראגן אין זיינע געדאנקען, — איז דער קאפ בא אים פארויסן אַ ביסל צוריק, פארויס די ברוסט און עטוואס ווייטער שטעהן צוויי לאנגע פיס. ווען איר קוקט אויף אים פון פארנט, ווייזט זיך אייך אויס, אז פאר אייערע אויגן שטעהט א פיגור — משופע'דיג ווי א בארג. ווי איינער זאגט: לעגט אויף מיר ארויף וואס פאר אַ משא איר ווילט, — זי וועט זיך סיי ווי סיי אראפקייקלען באַרג אראפ.

אט אזוי שטעהט ר' מרדכ'לע, ווי אַ לעבעדיגער, פאר מיינע אויגן...

מען מוז מודה זיין, אז זיין גרויסער טאלאנט איז גאנץ גיך אפגעשאצט געווארן. ס'איז כמעט ניט געווען קיין איין וויכטיגע אסיפה, וואו ר' מרדכ'לע זאל ניט האבן ארויסגעטראטן. איך דערמאן זיך, ווי אין אנפאנג 1902 יאר זיינען מיר מיט אים געפארן אין אקערמאן, וואוהין מ'האט אונז איינגעלאַדן. ס'איז געווען פורים-צייט. דאס אייז פון „לימאן" האט שוין אנגעהויבן צו שמעלצן. מיט א שליטן אריבערפארן האט מען שוין ניט געקענט, נאר וועגן א דאמפער האט נאך קיין רייד ניט געקאנט זיין. מיר זיינען צוגעפארן מיטן שליטן כמעט ביז צום שטעטל. נאר צווישן אונז און אים ליגט דער „לימאן". אויף יענעם ברעג איז געשטאנען א גרויסער עולם, וואס איז געקומען מקבל פנים זיין דעם ליבן

ר׳ מרדכ׳לען, פון דער זייט לימאן שטעהט אן עלענט פורל מיטן געבענשטן גאסט. און צווישן „אונז״ און „זיי״ ווילדוועט א שטארקער ווינט און רייטנדיג אויף דעם פארשקלאפטן וואסער שווימען זיך ארום ווייסע-חברה׳ניקעס, שטיקער אייז, וואס הוידן זיך, בוצקען זיך און מאכן משוגע׳נע העויות. דער עולם פאכט מיט ווייסע טיכעלאך. און ר׳ מרדכ׳לע שטעלט זיך אויף און הויבט אן רעדן צום עולם. דער רעש פון ווינט און דער געפילדער פון די קריהעס פארטויבט זיין קול—אזוי, אז איך, זיין נאהענסטער שכן, הער ניט א ווארט, נאר ער מאכט זיך ניט דערפון. ער רעדט וואלד איין וואלד אויס—דאס גיסט ער אויס זיין ענ-פער אויפן „ברוך הבא״ פון א גרויסן עולם ליבליכע אידישע יונגע לייט און פון דעם בייזן „ירגזון״ פון דער ארומיגער נאטור.

אפגעזאגט דעם „למנצח״, ווענדט ער זיך צו מיר מיט א בקשה, ווי א קינד, וואס וויל צו דער מאמען, איך זאל איינשמועסן דעם גוי—דעם פורמאן,—ער זאל אונז אריבערפירן צום עולם. אריבערפארן האט מען געקאנט ניט אנדערש, סיידן מיט א שיפל, נאר די סכנה איז געווען זעהר גרויס. די שיפערס, צו וועלכע איך האב זיך געווענדט, האבן געווארנט, אז דער אייז קען אונז צערייבן. פאר מיר איז אבער געוועזן קלאר, אז צוריק אומקערן זיך וועט ר׳ מרדכ׳לע בשום אופן ניט וועלן. און איך האב אפגעזוכט א דרייסטן שיפער, וואס האט מסכים געווען זיך לאזן מיט אונז אויף גאטס באַראָט.

מיט אמת׳ן מסירת נפש זיינען מיר אריבער דעם גרעניץ, זיך גנב׳ענענדיג צווישען די קריהעס, געמאכט משונה׳דיגע זיגזאגן, און ניט איין מאל אריינגעפאלן אין אזעלכע איינגע שפאלטן, וואו מיר האבן געמוזט מיט די הענט פונאנדערשפאַרן, אפשטויסן די שטיקער אייז, וואס זיינען געגאנגען אויף אונז פון אלע זייטן. נאר פאר דער גאנצער צייט איז אפילו אויף איין מינוט ניט פארשוואונדן געווארן פון זיין פנים דער ברייטער ליבער שמייכעלע פון טיפער פרייד, פון דער קלאסישער אידישער „שמחה של מצוה״.

אויף יענער זייט גרעניץ האט זיך ערשט אנגעהויבן דער אמת׳ער יום טוב. חוץ „מאמאליגע״ און גוטן וויין, האט אקערמאן פארמאגט יעמאלט אויך א וואוילע און ווארימע אידישע יוגנט, ווי ר׳ מרדכ׳לע פלעגט זאגן, „יונגע לייט—מלכות״. דער רעפעראט מיט די וכוחים האבן געדויערט אכט טעג און אכט נעכט. ס׳איז ניט געבליבן קיין איין פראבלעם, וואס זאל ניט באריררט און באלויכטן ווערן פון שטאנדפונקט פון סינטעטישן ארגאנישן סא

ציאליזם. אלע לענדער און מלוכות קאנען זיך פאראייניגן ניט אנדערש, סיידן דורך דער פאראייניגונג פון די פראלעטאריער פון אלע פעלקער; די אינטערנאציאנאלע סאלידאריטעט פון פראלע-טאריאט קאן אבער פארווירקליכט ווערן במעשה ניט אנדערש, סיידן אויפן וועג פון פאלקאמענעם סינטעז פון דער נאציאנאלער פארם מיטן סאציאלן אינהאלט. אט די גרונט-הנחות זיינען געווען דער לייט-מאטיוו פון די רעדעס און הייסע וכוחים, וואס זיינען דארט פארגעקומען.

* * *

אין דער ריכטונג האבן זיך אנטוויקלט די סאציאלאגישע געדאנקען און די פאליטישע אויפפירונג פון חיים טשעמערינסקען. ער איז געווען איינער פון די אקטיווע טוער אין דער ארגאני-זאציע פון זעלבסט-שוץ (אין 1903 יאר, נאך דעם קעשעניאווער פאגראם), וואס די אידישע ארבעטערשאפט האט געשאפן אין דרום-רוסלאנד (אין אדעס, כערסאן און אויך אין סימפעראפאל, וואוהין ער איז געקומען צו מיר צו גאסט). ער האט געארבעט אין דער ס"ס'ישער פארטיי, אין כערסאן איז ער געווען א מיטגליד פון קאמיטעט. צוזאמען מיט אנדערע טוער פון ס"ס האט ער גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער ארבעט פון „יטא". ער איז געווען אן אנהייגער פון דער אויטאנאמיסטישער פראפאגאנדע פון די סיימאווצעס און האט מיטגעארבעט אין דער י"ס'ישער „פאלקס-שטימע" אין ווילנא.

נאר ניט אלס פאליטיקער האט ר' מרדכ'לע ארויסגעוויזן דעם תמצית פון זיין גרויסער חריפות. ניט געקוקט אויף זיין טיפן עלענד, אויף זיין פולער אפגעריסנקייט פון עלעמענטארע חברה'שע פאר-בינדונגען; ניט געקוקט אויף זיין שטענדיגן גלות, אויפן לעבן פון א נע ונד'ניק, אין א וועלכן עס איז ווינקל, כמעט ווי א למד-וו'אווניק,—איז ר' מרדכ'לע דאך געווען אויף דורך און דורך א מענש פון עפנטליכן סאציאלן טיפ. ער האט געאטעמט צוזאמען מיטן גאנצן אידישן קאלעקטיוו, צוזאמען מיט אים געשאפן און געטרוימט. נאר זיין נשמה האט איינגעזויגן איבערהויפט די עלעמענטן פון מרומים און שאפונג, וואס דאס פאלק באווייזט און זאמלט אויפן קולטורעלן געביט.—ר' מרדכ'לע איז געווען דער עיקר א סאציאלער קולטור מענש. און זיין פאליטישער אינטערעס, זיינע פאליטישע פרינציפן—די האפנונגען און אידעאלן פון פאלק, וואס באקומען א פארם פון פאליטישע פראגראמען,—דאס איז געווען דער צינש, וואס ר' מרדכ'לע האט געצאלט זיין דור—דעם ארעמן אין קולטור און רייכן אין פאליטישע מעשים.

דעם אמתן גאון זיינעם האט אבער ר׳ מרדכ׳לע ארויסגע-
וויזן ספעציעל אויפן קולטורעלן געביט. נאר אויך דא האט ער
ניט געוואוסט באשטימט פאר וואס פריהער זיך צו נעמען. ניט
נאר דערפאר, ווייל בא אונז האט „געפייפט דער דלות“ אין אלע
צווייגן פון קולטורעלן לעבן. דא איז אויך פאראן אן אנדער סיבה,
א ריין פערזענליכע. ר׳ מרדכ׳לע איז געווען געבעושט מיט א
פעהיגקייט זעהר גיך צו אריענטירן זיך אין יעדער וויסנשאפטליכער
און קולטורעלער פראבלעם, און שאפן און פילן זיך אומעטום
„כאדם העושה בחוך שלו“, ווי א בעל הבית בא זיך אין דער
היים. דערצו האט ער פארמאגט אזא רייכן אוצר פון אינטימער
שפראך-קענטניש, אז אים האט, ווי מיט א כשוף, געצויגן איבער
צודיכטן יעדער באגריף און פארשטעלונג אין אידיש, אנטאן
זיי א אידישן מלבוש. און מזאי טעמא פלעגט ער זיך נעמען פאר
אלץ: פאר נאטורוויסנשאפט, פאר מאטעמאטיק, הומאניטארע
וויסנשאפט, פילאלאגיע, פובליציסטיק, פראזע, שיר און משלים.

ער האט מיט פולער רעכט דערקאנט, אז ער האט צו זאגן
א ניי ווארט, זיינס אן אייגן ווארט און ער האט דאס ווארט גע-
זאגט ניט נאר פאר דער וועלט, נאר קודם כל פאר זיך אליין, כדי
צו לעשן זיין אינדיווידועלן דורשט,—געזאגט, ווייל ער האט ניט
געקאנט שווייגן, ווייל ער האט ניט געקאנט ניט זאגן. אין פרא-
צעס פון זיין שאפן איז פאראן מערער פון דער שעפערישער
סמיכיע, איידער פון דעם באוואוסטזיניגן צמצום.

און באמת זיינען דען געווען בא אים די נויטיגע אויסער-
ליכע תנאים, כדי צו באארבעטן און סיסטעמאטיזירן די פראדוקטן
פון זיין שאפונגס-כח? א שטענדיג ארט, א רוהיגע צייט
און א געהעריגע סביבה? איז דען געווען א פארלעגער, וואס
זאל זיך נעמען ארויסגעבן זיינע ווערק, וואס זאל אים באשטעלן
א ספעציעלע ארבעט?

זיין שאפן איז געווען פערמאנענט, און זיין שרייבן איז
געווען צופעליג. דעם גרעסטן חלק פון זיינע לידער פלעגט ער
לייענען אויסווענדיג; ער פלעגט ארומטראגן מיט זיך,—אין זיך,—
זיין רייכע ביבליאטעק. בא בעסערע תנאים האט ר׳ מרדכ׳לע גע-
זאלט ווערן איינער פון די עמודים פון דער מאדערנער אידישער
סינטעטישער ליטעראטור. ווייל גענומען האט ער דעם נייעם צא-
פלדיגן אינהאלט און האט עס אויסגעדריקט אין דער קלאסישער
אידישער פארם, ער פלעגט שרייבן, ווי מענדעלע זאגט: „גויען
היכן גאנג, ווי די אלטע פלעגן רעדן“.

מיט ר׳מרדכ׳לען צוזאמען איז אוועקגעגאנגען פון אונז א גרויסער שאץ פון עכט אידישע ווערטער און ווערטלאך, פון וועלכע מ׳וואלט געקאנט צונויפשטעלן א גאנצן ווערטער-בוך. מיט אים צוזאמען איז פארלארן געווארן א גאנצע רייהע צייטיגע אויסגעטראגענע ווערק אין פארשידענע מקצועות פון דער אידישער קולטור. נאר דאס, וואס ער האט אונז איבערגעלאזן בכתב איז אויך גענוג, אז ר׳ מרדכ׳לע זאל פארנעמען א זעהר בכבודיגן ארט אויבן-אן, אין מזרח וואנט פון אונזער קולטורעלן עולם היצירה. מען דארף עס נאר צונויפקלייבן.

ר׳ מרדכ׳לעס ווערק דארף מען צונויפקלייבן, פונקט ווי מע דארף צונויפקלייבן ר׳ מרדכ׳לען אליין. זיין גאנץ לעבן איז געווען, ווי אויסערליך אזוי אינערליך, משונה צעווארפען. כאראקטעריסטיש איז פאלגנדעס: ר׳ מרדכ׳לע קומט צו מיר אין קיעוו, טוט אויס די שליאפע און טראגט זי גלייך אין שלאפצימער און לעגט זי אוועק אונטערן בעט. — צוליב וואס טוט איר עס? — פרעג איך. — „ס׳איז א פשוטער שכל — איז געווען דער ענטפער. — אויב איך וועל פארלירן די שליאפע, וועל איך זי מוזען זוכן, און געפינען וועט מען זי, סוף כל סוף, מסתמא אונטערן בעט. היינט צוליב וואס זאל איך פריהער פארלירן, דערנאך זוכן, — אמער האב איך געמאכט א מנהג: פון לכתחילה באהאלטן די שליאפע אונטערן בעט, — ווייס איך וואו זי איז״.

א מענש, וואס די אומשטענדן צווינגען אים צו לעבן מיט אזא „פשוטן שכל״, וואס זיין מצב ברייגנט אים צו אזעלכע מנהגים; א מענש, וואס מיט זיינע חפצים איז ער צעווארפן אויף אלע זיבן ימים, און אליין וואנדערט ער ארום תקופות-ווייז פון איין שטאט צו דער צווייטער; — אזא מענש האט אומעטום איבערגעלאזט, בלי ספק, א באדייטנדיגן רושם. און פון די אלע באזונדערע רשימות און זכרונות באדארף מען צוזאמענשטעלן דעם גאנצן, ניט געקוקט אויף אלע סתירות, באמת איינהייטליכן און צויבער-האפטן ר׳ מרדכ׳לע — אין זיין פולער גרויס.

און אין צענטער פון זיין וואונדערליכער ליטעראַרישער פערזענליכקייט וועט, אן ספק, פאר די ווייטערדיגע דורות איבערבלייבן ר׳מרדכ׳לע דער בעל משל, דער קלאסישער משל-זאגער. זיינע משלים זיינען א מוסטער, ער איז דער טאטע פון אידישן משל.

זיינע איבערזעצונגען זיינען פיל טיפער און בעסער פון אריגינאל. נאך מער: — דאס זיינען גאר ניט קיין איבערזעצונגען; אין

זיינע משלים באגעגנט איר א גאנצע גאלערעע פון עכט אידי־שע אריגינעלע טיפן. דער בער, דער ביבער, דער פוקס, דער סא־לאוויי, אלע איבעריגע חיות, שקצים ורמשים זיינען ניט נאר אנ־געטאן אין אידישע בגדים, ניט נאר דאס, וואס זיי רעדען מיט אידישע ווערטער,—נאר אפילו זייערע תנועות, זייערע העויות, זייערע מנהגים, אלע איבערלעבונגען, דער גאנצער „ביט“ זייערער איז עכט אידישליך. אדרבה, זאל עמיצער פרובן איבערזעצן ר׳מרד־כ׳לעס א משל אין אן אנדער שפראך, פאר אן אנדער פאלק.— וועט ער מוזען פריהער פון אלץ אויסטאן דעם גאנצן פערסא־נאזש ביז צום נאקעט, אויסלעדיגן פון זיי זייער גאנצן אידישן אינהאלט, און ערשט נאך דער ראדיקאלער אפעראציע וועט ער קענען צוטרעטן צו זיין ארבעט. ווארום איר קענט ניט ארייננפירן אין „איראפע“ א בער, אויסגעפוצט אין גלית און קיטל, און א ביבער אוועקשטעלן דארט באם עמוד פאר א בעל תפילה. בא „זיי“ דארף א בעל תפילה ניט וויינען, ער איז ניט מחויב צו האבן א צעבראכן הארץ.

משלי ר׳מרדכ׳לע איז א אידישער גארטן, אנגעזעצט מיט אידישע פלאנצונגען, באארבעט מיט אידישע הענט און אנגעטרונ־קען מיט אידישן טוי. זיי זיינען אידישלאך ניט נאר לויטן אינהאלט. זייער פארם, זייער ריטם, זייער קנייטש און זייער „שפיץ“ זיינען אויך אויף דורך און דורך אידישלאך. דער אידי־שער שכל קען זיך ניט באנוגענען מיט פלאסטישער פשטות. אויף יעדן טריט און שריט דארפט איר אים געבן א „מיין בתוך מיין“, שפיצן, שארף פארשניצטע, און אזעלכע, וואס מ׳קען זיי ווענדן אין פארשידענע זייטן.

די פולע מיט געשמאקן זאפט וואונדער־שענע ר׳מרדכ׳לעס משלים זיינען ווערט צו פאראייביגט ווערן אין אונזער פאלקס־ליטעראטור. אז מ׳לעזט זיי, קען מען זיך ניט אפרייסן פון זיי; ס׳ווילט זיך לעזן און לעזן. און איצט בשעת איך האלט פאר מיינע אויגן ר׳מרדכלעס משלים, רייסן זיך בא מיר פון הארצן די ווערטער: ר׳מרדכ׳לע „לא היה ולא נברא אלא למשל נברא“— ר׳ מרדכ׳לע איז ניט געבוירן, ווי אלע, און האט ניט געלעבט, ווי אלע, ער איז באשאפן געווארן צוליב דעם אידישן משל.

יהודה נאוואקאווסקי.

יעקאטערינאסלאוו

17 דעקאבר 1918 יאר

מוסר א קאץ*).

יאכע, אַ גבירישע קעכן
איז אריין צו זלאטקע
איר׳ס אַ קאמאראדקע
לייהען אַ פאר בלעכן,
אגב—טון אַ בדקה:
וואס הערט זיך נייס אין קלייט, אין יאטקע?
מיטגעבראכט אַ היבשן בינדל
אויך פון אייגענעם געזינדל:
פון דער בעל הביתטע מיטן זינדל
מיטן טעכטערל דער דעמאקראטקע,
מיטן לערערל אין קרילאטקע—
מיט איין ווארט:
אויסגערעדט וואס נאר אין קארט
אויף גאט, משיח און נִנתקה.
אין דער מלאכה
פון לשון הרע
איז אונזער יאכע
געווען אַ בריה אן עין הרע.
אפגעפטרט דאס געשפרעך
און אוועק צו זיך אין קעך,
וואס זשע טרעפט דארט אונזער יאכע?—

*) נאך דעם משל פון באוואוסטן מחבר קרילאוו: „Котъ и Поваръ“

אוי, אַ פינסטערע מערכה!
אז מע לאזט די ראבע קאץ
פאר אַ שומר אויפן פלאץ—
איז אַ רעכטע מזל ברכה!
ברעקלאך אויפן בריק צעשאטענע
פון אַ קעזל אַ געקנאטענעם,
און דער שומר דער געראטענער
רייבט, ווי נאך אַ תענית א געבאטענעם,
א קאטשקע אַ געבראטענע!
אז מיינע ווערט אן אויפגעזאטענע
און הויבט אן לייענען א תחינה
אויף דער דינסטער סטרונע:
„ווער וואלט זיך געריכט אויף דיין מיתה משונה!
בא לייטן אַ קאץ
איז אין אַ שטוב אַ שאץ,
א כשר האלז,—
לאז איבער אלץ,
אפילו שמאלץ...
און דו, כל בוניק,
טרפהער ימח שמו'ניק—
די גאנצע וועלט איז דיר אלץ וועניג!
ג א ר אַ ביטערע פרנסה,
זיין א י י ן קאַץ אין א גביריש הויז!
ווער רעדט אַ שטשער, אַ מויז—
דאס איז דאך כשר דיין הכנסה,
היינט פון צייט צו צייט—

מאכט זיך אן א זייט
אַביינדל פון א פיש,
אַ שיריים פון אַ טיש,
אַ לעק אַ טעלער,
אַ קריגל זויער־מילך אין קעלער
מיט אַ פעלער...
אין וועלכן פרט
וואלט דיר געשאדט,
ווען דו זאלסט אפהיטן דיין סטאט,
אז גאט און מענשן
זאלן זיך מיט דיר נאר בענשן—
דארף מען האבן דאך אַ קעציש יצר הרע:
זאל יאכע איינגעמען זיך די כפרה
און איך וועל לעבן, ווי אַ שררה,
האבן אַ פארוואשן
פנים, גנבנען און נאשן!"
ווי האט מען עס פאר גאט קיין פארכט,
און קיין חרפה ניט פאר לייט—
(קעצל הארכט—
און קייט)
מע וועט דאך אויף דיר טייטלען מיט די פינגער,
וועסט אריינפאלן אין יידישע צינגער:
„אט געהט געצל—קעצל,
וואס גנבט קעזל־פלעצל,
נאשט און מאכט פון אלץ אַ תל—
לאזט אים ניט ארויף אויף קיין יידישע שוועל"!

קעצל הערט זי, ווי פאר אַ יאריגע פרעסט,
טוט דאס זייניגע און פרעסט
צוזעצטערהייט...
און יאכע שטעהט
און האגלט, שנייט
ניין מאל ניין מאס רייד.
אן אַ שעור און אן אַ סוף;
זי האט נאך ניט געענדיגט גאנץ איר שטראף—
און קעצל איז שוין פארטיג מיטן עוף.

דער שנארער און אליהו הנביא *).

א.

אויף זעלווער יריד
אין סאמע געטומל
געהט אום טריט ביי טריט
אַ זיידענער ייד
פון שנארערשן רומל:
צוויי פאות—צוויי שטיינגלעך,
פארגרייזלט און לעגגלעך
געדריידלטע שלענגלעך,
אַ קאפ פון אַ יאָלד,

*) נאך דעם באוואוסטן משל: „Фортуна и нищій".

האלב שטומפיג געגאלט
און שיטערלעך פלויליך
מיט ווידער=וואקס בלויליך
באגרעזלט=גערייצט;
אַ יארמולקע גרויליך
אויפן קארק ביי אים זיצט,
משופע פארשפיצט,
משונה פארשוויצט
און מיט פעדער באפוצט—
משמעות, זי נוצט
אים אין דינסט אויף צוויי שטאפּל:
בייטאג פאר אַ קאפּל—
ביינאכט אויף „המפיל״...
אַ שטערן—אַ הויכיגער,
אַ ספּאדיק—אַ רויכיגער,
אַ גדול—אַ בויכיגער;
אַ דעליע מיט סטראקן
געשפּילעט אויף האקן,
און אויף די רגלים—
אַ פּאר שיך און זאקן,
אַ נאז—ווי אַ שופר,
אַ הילכיקע כלי,
שמעקט טאבאק מיט יראת שמים
פון פושקעלע פון עצי גופר
און אין די ידים—
אַ רויטע פאטשיילע,

וואס מאנט גאר אן לשון:
„גיט יידעלעך אלע
אויף הכנסת כלה,
און פאר יעדער גראשן
איז גאט אייך ממלא
כפל כפלים״!

ב.

דער פלאץ איז באיידלט
אַ קאפ אויף אַ קאפ,
עס שוויבלט און גריבלט
ארויף און אראפ—
דער עולם ירידלט
אין פולן גאלאפ.
אַ שטויב אַ געדיכטער
פארשווארצט די געזיכטער,
און לידלאך ניט ניכטער
פארהילכן די אויערן!
פון לייטישע קונים
זעהט מען ניט קיינעם,
נאר פויערטעס, פויערן!
פון פויערשן פדיון דעם שענעם—
קאן מען זיך מויערן?
ער האט קיין אמונה,
און דינגט זיך משונה,
ער באט דיר אַ פייאים—
גיב סחורה פאר צוויי אים...

אונ דא שכנים לויערן ,—
מרגלים פון קונע,
אַ מינוט זאל געדויערן—
פארנארט מען דעם סוחר
צו זיך אויפ׳ן שטעל!...
און—אומזיסט זיך געריסן די קעהל!
דער קרעמער—אוי ווע אים,
ער מוז ווערן ווייכער,
ער איז נעבאך געוון
פארקויפן אויף קרן,
לפחות
צו להכעיס
דעם שכן דעם עוכר—
ביטער ווי מרור
די גאנצע חיונה!
און דא חברה שנארער
אי געהער, אי פארער
באפאלן דיך, ווי די מחבלים!,
וכל מאמינים מקבלים—
אלץ לויטער מיוחסים:
אַ וויסטע עגונה,
אַ נשרף, אַ יתום,
אַ גר פון כאכאלעס,
וואס דברט משונה
האלב רייסיש,
האלב פרייסיש,

דער פידלט,
דער לידלט,
דער קלאגט מיט יללות
אויפן ביטערן גלות—
מע רייסט פאר די פאלעס!
און כאפט מען געזידלט—
שעלט מען מיט קללות.

ג׳.

פארוואלקנט די צורה
בא אונזער פאטשיילע!
צו שטעהן גלייך אין שורה
מיט אלע קבצנים—
דאס שטעהט כלל ניט אן אים,
דא ברומט זיין באנדורע
הייזעריג-בייזעריג.
מילא,
אז איך שווארץ די צורה—
האב איך אַ ביילע,
אַ ווייב אן ארורה;
אויך זי איז בטבע
קיין גרויסער אץ להעשיר.
באשר,
מיין נחת מיין צווילינג,
מיין געליע און שבע:
צוויי בתולות, צוויי שטיינגלעך
שוין צייט פון גאנץ לענגלעך

זיי שטעלן פיר דרענגלעך—
און דא איז אַ דלות!
אויף שבת—קיין חלות,
ניטא אויף די כלות
קיין צובראכענער שילינג...
ווען איך נאר דערפאק
גילדוינים אַ זאק,
פאר נויט—כאטש די תק—
ווערט מיר גוט, ווי די וועלט:
פאר דעם ביסעלע געלט
צוויי חפות געשטעלט!
איינעם אַ בחור—
אַ שטר חצי זכר,
דעם אנדערן—קן
גילדוינים נדן,
און ברייט זיך געשטעלט:
אַ חתונה נעט,
מיט פידלער און פויקער,
אַ מאלצייט גאר פעט,
אז אפילו דער חוכר *)
זאל זיך פון קנאה צו פוקן.
געפטרט דעם הויקער,
דעם צווילינג פון רוקן,

*) חוכר—אַ פאסעסאר, פאדריאדטשיק, אטקופשציק. דאס איז געווען די העכסטע מדרגה פון דער אלטפרענקישער אידישער בורזשואזיע אין די 60-גער יארן.

ווער איך אגב לויז
פון מיין פלונית דעם שלאק,
אבער גאר מיטן קנאק:
די מזרח־וואנט שטעט
פארקויפט, צי געפלעט—
און שרייב איר אַ גט;
אַ שליידער אין צורה
די צוויי הונדערט זקוקין,
וואס קומט איר דארט כתובה—
און ארויס, דו ארורה,
ביי מיר פונם הויז!
און דו, נייער גרוש,
אוועק פאר אַ פרוש
אין ליטווישן קלויז,
און זיץ דירביים הרובע,
ווי אין אַ גן עדן,
און לערן, און דזשובע,
און דאוון געשמאק,
פאררוף די בטלנים,
דערצעהל זיי אין פריידן,
וואס הייסט מזומנים
גילדוינים אַ זאק!
ד.
פלוצלונג דערזעהט ער:
עס געהט אַ ירושלמי,
פארשלייערט אין טשאלמע,

אַ גרייז-גרויער זקן,
גאר ניט מהאי עלמא,—
און ווערט, ווי דערשראקן...
ער קומט צו זיך שפעטער
און הויבט אן באדענקען:
און וואס איז די ראיה,
אז דוקא אַ טיעא? *)
אפשר גאר פון די פרענקען
אן עושר, אַ פעטער,
און דער קאן ערשט שענקען
די רעכטע אפותיקו—
נאר וואו נעמט מען די נויטיגע
ווערטער פון תרגום?
ער זוכט מיט יסורים
פון מחזור, פון סדור,
די עברי פון יענעם געשלידער—
ניטא קיין דבורים,
שונאי ציון, כאטש ווארג אים!
„לראשי כלה“...
„דיני דבבא“...—
אלץ קידער ווידער,
ניט וואס מע דארף!
און אפשר זיך ווענדן

*) טיעא—איז אַ גמרא ווארט. א טאטער, אין וועמעס געשטאלט עס פארשטעלט זיך, געוואוינטליך, אליהו הנביא.

צו אים פראסט און שארף:
„גיט פראסט אַ נדבה
אויף הכנסת כלה!“
בא זיין מוח דעם גרויסן
וועט ער זיך שוין שטויסן.
פלוצלינג דערזעהט ער אַ חדוש:
ביים פרענק אויף די לענדן—
אַ גארטל פון רימען!
פארשפארט אלע חקירות—
אליהו הנביא!
מיט אים קאן מען ריידן פראסט יידיש!
ער דערמאנט זיך אן חסיד פון זמירות;
ווי ר׳ אליהו זיך אים דארט אנטפלעקט
און ער ווערט ארכיטעקט
ביים פריץ דעם מילדן
און כאפט אויפ׳ן פלעק
די אכט הונדערט זעק
מזומנע גילדן...
ער גענעהנט מיט רעספעקט
און שטרעקט אויס די פאטשיילע געשווינד,
און יענער אים פרעגט:
—פיל דארפסטו, מיין קינד?
אין גאנצן אויף נדן
פאר דיינע צוויי מאדן,—
אפינף הונדערט גילדן?
דו קאנסט זיי באקומען
בא מיר באלד מזומן.

מיינער איז תופס די זאך,
אז דא שמעקט מיט אַ־סך—
טוט ער אַ מאך:
„דארט איז אַ חלוק,
צי ווייניג, צי מער—
אַ חשבון און גלייך שוין דער סלוק!...
איך בין אבער ניט אבי ווער,
און האב ניט בדעה
צו איינלאזן ביליג,
מיך—פטרן שווער
מיט שהי ופהי!״
אַ קראַץ בא דער פאה
און ארויס מיט דער שפראך:
—„אין פלוג, וואס איז שייך
זיך דינגען מיט אייך?
נאר כ׳ האב דא, משמעות,
געהאט גלאט אַ טעות
אַ גראבן, אַ ווילדן,—
ווייל פינף הונדערט גילדן
איז גאר קיין מטבע,
אז מע דארף מי יודע!
היינטיגע חתנים!
צעהל אפ נדן אים
כאטש דריי הונדערט קארבן,
און נאר מזומנים,
דו מעגסט פאר אים שטארבן!

אַ מאלצייט אַ הארבן
פאר אלע מחותנים
און נאר מיט קאפעליע,
היינט גאב,
גארדעראב,
צי האב, צי ניט האב—
מעגסט פאר אים טאנצן
ביז סאמע סטעליע!
און דא האסטו מורא:
אט ווארפט ער אין גאנצן
דיר צו דיין פארלעגערטע סחורה...
איר ווייסט דאך, ר׳ אליה,
די עלטערע, געליע,
'איז שווארץ, ווי אַ שאטן,
און דורכאויס באשאטן
אין שטופלען די צורה—
אַ מצה אַ שמורה!
די קלענערע בת
איז שוין יא אַ מכורעת,
דערפאר אַ משוגעת—
אין דער מאמע געראטן!
בקצור, וואס איז דא די פעולה?
אַ בוגרת אַ בתולה
דארף קאסטן אַ פולע!
און איך טאקע גופא—
װאלט אויך זיין אַ מצוה,

וועו איר ג׳יט אַ תרופה
איך זאל שוין פארשפארן
דאס לעצט ביסל יארן
צו בעטלען און שנארן,
אַ תכלית, רק דופע
כל ימי אויף קצבה?
—דו טענה׳סט מיט שכל—
מאכט דער מיט אַ שמייכל—
ביסט קענטיג קיין שוטה,
און האסט אַ השגה אַ גרויסע—
מילא,
שטעל אן די פאטשיילע,
איך שיט דיר אריין אַ פארמעגן,
נאר שא, ניט דערוועגן
זיך קשיות צו פרעגן!
קוקסט אן דעם גאלדענעם רעגן?
ס׳בלייבט גינגאלד הוילע,
כל זמן עס ליגט אין אַ כלי;
פאלט עס ארויס פון פאטשיילע—
ווערט לויטער שפענדלאך
פון אלע רענדלאך;
היט זשע זיך גריילעכיג:
שווער איז דער רענדל און קיילעכיג,
און ס׳טיכל איז דאך ניט פון פעל:
באקומט׳ס אפן-מיילעכיג—
ווערט באלד אַ תל

פון אלץ אויפן שטעל!
—חלילה וחס!
אַ טיכל, זי ווייס פון איר חיות—
מאכט גלאט זיך העויות.
איז זי דיר נאס,
אבער שטארק גאר קיין שפאס,
ווערט אייביג ניט חרוב,
איך בין אייך ערב!
—רב קרוב,
האב ניט קיין אויג פון קיין רשע—
ס'וועט זיך אין גאנצן צערייסן.
—„נישקשה, נישקשה,
זייט רוהיג, רבי אליה;
זייט נאר קיין כהן, קיין כעסן
און שיט אויף צופלייסן
נאך רענדלעך אַ פאר
אויף פארבייסן,
עס געהט ניט חלילה
קיין איינציגס לאבוד.
איה"ש איבער אַ יאר
אין דער צייט געוויס,
דערלעב איך אַ דור,
בא מיין עלטערער געליע,
אנ' ערשטלינג אַ ברית
למעה"ש השע, ר' אליה,
פארשעמט ניט דעם כבוד

פון אונזער ברית מילה,
פארגעסט ניט—אַ בכור!
מע בעט לכתחילה
אויף פדיון הבן שוין אפילו.
—פאררייד ניט די ציין
מיטן ברית
און אכטונג גיב מיין:
עס הערט זיך אַ ריס!
—זייט רוהיג, ר׳ אליה,
כ׳ האלט צו מיט דער דעליע;
און איז דאך מיין געליע
ניט איינע נאר אין דער קאפעליע:
על פי דרך הטבע
איז מיין קלענערע שבע
אויך קיין עקרה—
איז ווידער אַ צרה
אויפן זיידן אַ יאך,
טא שיט טאקע נאך
אויף אַ פולער וואך,
מע דארף גאר ניט וועניגליך:
מגדל זיין אייניקלאך!
שטיפער—פלאם פייער!
נאר ס׳וואקסן עלויים
מיט גאונישע מוחות,
קנאפ קאסט עס ענויים
מיט געלט און מיט כחות,

ביז מע מאכט זיי פאר מענשן
און מע טוט זיי שוין אן די טליתים
און ר׳ אליה געהט בענשן
דאס פארל קונדסים
אונטער דער חופה—שייך
אַ ריר טון אן אייך?
וואלט גראד זיין אַ יושר,
ווי איר זייט אן עושר,
און ס׳קאסט אייך ניט טייער,
ווען איר גיט צו שטייער
אויף דרשה געשאנק,—
אויף ספרים אַ שאנק,
און גלאט ביים געזעגענען,
וואס שאדט אַ הוספה,
אַ שען מנה יפה...
עס זאל טאקע רעגענען,
נאר ניט שיטער-זעלכן,
נו, כאטש נאך אַ כזית
צוליב שלום בית—
די ארורה זאל אפט מאל ניט שעלטן...
פלוצלונג—באץ!
דאס טיכל—פלאץ,
און אויס מיטן שאץ!
פון די אוצרות מיט געלטן—
אויף אַ זכר קיין דרייער,
און דער נביא דער טרייער—

אוועק מיטן פייער
אין העכערע וועלטן.

נאטקע קאפאטקע *).

נאטקע
האט נאר איין קאפאטקע,
אַ לאנגע מיט אַ שפאלט,
מיט אַ קורצן סטאן;
ער טראגט זי פון דער חופה אן,
שבת, יום טוב, אום דער וואכן,
און זי איז שוין נעבאך אלט,
טאקע שטארק צוקראכן:
פון די עלן בויגן-לאכן
בולטן די דארע קנאכן,
און אַ רחבות
אין די פאכוועס.
אונטן היינגען פון קאפאטע
לאפן, איינגעזאפט אין בלאטע,
שלעפן זיך, ווי ציצית נאך אַ טלית,
און עס שלומפערט
אומגעלומפערט.
אונזער נאטל
ווערט ניט בטל!

*) נאך דעם באוואוסטן משל: „Тришкинъ кафтанъ“.

דאס איז אַ פארשייטער דזות
און אַ בריה—טויג צו אלעס:
דארפט איר—באקט ער שבת חלות,
נייהט ער חופה קליידער כלות—
גיט אים נאר אהער
אַ נאדל פאדים, אייזן, שער—
מאכט ער לאנד און לייט פון זיינע בגדים
און גֶעה לאד אים'...
און אונזער פיפיגער בן אדם
נעמט זיך שטארק צו די מלבושים,
ארבייט הייס מיט אלע חושים,
שטשאבעט שבת־שטעך מגושם,
נ״יהט און טרענט,
און די ארבייט ברענט
אונטער זיינע הענט,
ווי אן עכטער חיט,
זיצט ער זיך און ברייעט
מיט אַ נגולע פון פיט.
בא אַ בריה
פעהלט ניט קיין מאטעריע,
תמיד סטייעט
און עס בלייבט נאך יתור.
נאטקע מאכט עס אויך מיט אלע פליטער,
ווי אַ שניידער אַ געניטער:
צו וועלכע שלים מזלות
דארף איך האבן פאלעס

לאנגע ווי דער גלות—
אַ שנייד אראפּ די שמאטעס,
האב איך שוין אויף לאטעס;
אַ בויג אריבער אַ פאלבאניע—
ווערט׳ס אַ קאפּטן, מעשה פאניע.
קומט מיר אויס אַ ביסל שמיידיג
אינם עלן בויגן...
אַ העזה פון אַ לאך אַ ליידאק!
פּעדים ווייז צעצויגן
זיך דער לץ,
ווי אַ נעץ,
ביזן סאמע פּלייצע—
און גיב אים דא אן עצה,
שונאי־ציון זעץ
אַ פּאר שפּאקולן אויף צוויי בלינדע אויגן—
אזביידע ארבל טויגן
נאר אויף פּלייטוך צו אַ מכה—
דארף איך טאקע ביידע אויף כפּרות:
איך זינג זיי אפּ דאס שען וכרות,
און פון פּארנט—בראק
ארויס דעם קראק—
האב איך אַ פּאר ארבעל־שררות,
און עס שניידט זיך אויס אַ ראק,
אַ וויזיטקע אן אנטיקל!
נאך אַ כאפּ ארויס אַ שטיקל
און אַ זעץ אריין אַ צוויקל

אין די פאכוועס זאל ניט קראצן—
וועט שוין דארט ניט פלאצן:
פעלט מיר נאך סך הכל
אויף אַ קאלנער לאצן—
איז עס אויך ווערט אַ פיטאקל:
ווידער מיטן שער אַ קנאק—
שניידט זיך אויס אַ פראק
מיט'ן גאנצן טשאק,
כאטש הלך נאטקע מיט די טאצן
גלייך אויף אַ ספעקטאקל!
און עס טוט זיך, ווי עס רעדט זיך:
ער מעסט אן דעם פראק און גלעט זיך
אין אנטפלעקטן בייכל
און קוועלט אן:
אַ פאסאן—
אַ מאכל!
עס ליגט, ווי אויסגעגאסן
איטליכס פיצעלע באזונדער,
ממש, ווי אַ פראנט אַ חתן,
אויסגעפוצט זיך מכות רצח,
נאר עס בעט זיך
אויפ'ן קאפ נאך אַ צילינדער
און צום טיש—אַ גילדערן יאייכל.

* * *

איצונד
ווילט איר הערן נאך אַ בת קול,

איך זאל ארויסזאגן אייך רונד
דעם נמשל מיט אַ מוסר השכל,
און מיינט דאך, אז דא ליגט אין גרונט
סתרי תורה, פייער פלאם,
אַ מין פארטיי פראגראם,
געשטוקעוועט גראם־שטראם,
וואס איז זיך אפטמאל סותר.—
חס ושלום!
כ׳בין קיין טעארעטיקער קיין גרויסער,
שרייב מיר פשוטע משלים
און ווייס ניט פון קיין פותר
פון קיין חלום.

דאס מאל מיין איך גראד
אַ סוחר פון בראד
וואס דרעהט די גרויסע ראד:
אַ מויל—אַ קאלאקאטקע,
הענט—כאטש פערל פיקן!
א קראם—אן „אבאראטקע״
מיט אלע „שיקן״,
סחורה „כאדקע׳—
לויטער אנטיקן,
קרעדיט—„פא גלאטקע״:
קאמיסיאנערן שיקן,
געלט—כאטש שווינק
זיך אין אלע ביינק,

און קאפּיטאל—אַ קרענק!
לסוף, נאך אלע גליקן—
איז עס נאטקע
מיט זיין קאפּאטקע.

הינטישע אחדות *).

ראבקע און צוציק,
שכנים וואנט בא וואנט
בא צוויי שכנים בעלי גופ'ן
ליגן ביידינקע זיך האנט בא האנט.
איין מאל שבת נאך שבועות,
סאמע טשאלנט צייט בגלופין,
דריידלען
מיט די וויידלען
און פירן אַ געשפּרעך אן איידלען
וועגן בילן,
וועגן שפּילן,
און מע קומט ארויף אין שמועס
גאר אויף העכערע געפילן.
„מה טוב ומה נעים—
שטעלט זיך ראבקע אויף אַ פסוק—
לעבן ברידערליך צוזאמען"—
לערנט אונז דער כלב שבכלבים פשט

*) נאך דעם באוואוסטן משל: „Собачья дружба".

מיט אַ הסברל גאנץ דאסיג,
אז מע מיינט ניט „ברידער“
זאלן דוקא שטאמען
פון איין טאטן מיט איין מאמען—
מעג זיין קרובים, שכנים—
אלע דארפן זיי אינאיינעם
האלטן בלאט.
היינט ווי איז עס ניט פארדראסיג,
אז מיר הינט אין דעם פרט
זיינען שיר צו מענשן ניט געגליכן:
יענעם אין גרגרת ארייגקריכן
און דעם לעצטן ביסן
אים פון מויל ארויסגעריסן!
„אמת!“ ענטפערט צוציק מיט אַ קרעכץ—
איך אליין בטבע לעכץ
נאכן נחת
פון יד אחת,
נאר געה מאך עס
אפ אַ שטייגער מיט אַ „זשוק“...
—וואס טויג מיר זשוק?
נעם אין פלוג
אונזביידן גופא:
פרנסה—בשופי!
אַ קלייניגקייט קצבים-צעך?
חלב, שמאלץ
גאנצע פעסער, בעך,

שנייד מיין האלז,
אויבביים פלעק־הונט איז אַ בעסער קען—
און אלץ
אויף מעסער שטעך!
—מילא, וואס געמיטן—
ווערט געביטן!
היינט ווערט צווישן אונז פארשניטן
אַ זיכערהייט פון זאלץ
אויף אנ׳אייביג דויעריגן שלום,
אז די וועלט אינגאנצן זאל איפ
אנקוקן פארחדושט, ווי אַ חלום
פון אַ צויבער־פאבל,
און הויך אכפערן די ראסע,
וואס איז אויף אַזעלכס קאפאבל:
אויס ראבקע, אויס צוך!
שותפות—האב און גוטס!
איין טיש, איין קאסע—
איין סדרה: מטות ומסעי!
—אמן—ענטפערט ראבל,
אז קיין שטן, קיין מחבל,
זאל אונזביידן
ניט צעשיידן,
פונקט ווי אדם מיט זיין חוה
אין גן עדן,
אדער יענע העלדן בראווע,
ליבע, זיסע.

לעבעדיגערהייט,
בא דער מיתה
אויך זיך ניט צעשיידט
—גיב זשע ראבקעלע
מיר דיין לאפקעלע
תקיעת כף!
—ביידע פאר, מיין צוצעניו!
פלוצלינג—פאף!
סאמע אין מיטן קוצעניו־מוצעניו,
דארף אַ שכן
טון אַ ווארף אַביינדל א ציקאווע
פון די עכטע טשאלנט—קנאכן...
אז מיין ראבקע—בוץ
נאך דער פאטראווע,
נאך אים צוץ
אַ חוץ—
און די מלחמה פלאמט!
אונזערע „גענאסן“,
ביידע בלוט באַ׳דם׳ט
צופן זיך באַ׳טעם׳ט—
קוים מיט אקרעפ זיי צעגאסן.

די מגפה-אספה *).

א.

אַ בייזער אונטערגאנג
איז אומגעגאנגען לאנג
איבער פעלד און וואלד,
אויסגעקייקלט יונג און אלט.
פגרים אן אַ צאל
זיינען טויט געפאלן
איבער בארג און טאל—
גאר אַ גוואלד!
משמעות, דער מלאך המות
איז געווען אַ בעלן,
גאר אן שום קא-אוועס,
אויסקוילן מיט זיין חלף
אלעמען, פון אלף
ביז תיו,
וואו אַ בהמה, וואו אַ שאף,
וואו אַ חיה, וואו אן עוף.
חברה האט אויך ניט געשוויגן:
געליארמט, געשריגן:
„הבה נתחכמה“—לאמיר זיך קליגן.
דעם בעל דבר צו באזיגן
און פארלאך גבאים
לאזן זיך זוכן חטאים:

*) נאך דעם באוואוסטן משל: „Моръ звѣрей“.

והרצים
און די לויפער זיינען ארויס,
וואלד איין, וואלד אויס:
אַ פאר פלעק־הינט שקצים
—בודק זיין די וואלד, מקוות, די לוזשעס,
און אַ קהלשער פאטער,
אַ סטריקאטער
אלטער קאטער
מיט צוויי איידימס
זוכן פסולע מזוזות
איבער אלע בוידימס.
אונטער אלע דעכער
און אין אלע מייזן לעכער.
ביטערע קלאגערנס,
בת היענה׳ס,
זאגן הושענות,
רייסן וועלטן איין מיט זייער שרייען,
און פאפאגייען,
מענה לשון זאגערנס
לייענען תחינה שלשה שערים.
היענעס רייסן קברים
אויפן הייליגן ארט,
און ביי איטליכס ווארט
גיסן טרערן גאנצע קוואלן
קראקאדילן מיט שאקאלן.
און דא שטעהען חופות

ביי די קופּעס
טויטע טרופּעס,
און עס שפּילן
כלי־זמר גרילן,
בערן טאַנצן שטאַרק מיט דבקות,
און פּייעלאַך צדיקות
אין געלבליך גרויע קאַצאַווייקעס
נעמען אונטערפירעניש
אין איילעניש, אין שטופּעניש,
ווי אַמאָל צו די בהלות,
ס׳פינקלען גליה־ווערים הבדלות,—
מע פירט צו חופּה שלים־מזלות,
דעם מלאך המות אויף צופּיקעניש;
פּאַרלאַך—אַ דערקוויקעניש:
אַ קונע לעמל,
אַ האָז אַ קרומער,
מיט אַ שלייענקע אַ שטומער
און אַ האַרבאַטער קעמל
מיט אַ פלעדערמויז אַ בלינדער,
און ווייסע חברה קראַליקעס־קונדסים
שפּרינגען איבער קברי מתים
לויפן אויף בייז וואונדער.
חסידות־שטאַרכן
טערעלייקען, שנאַרכן,
פליעסקען: „שבת!״ „שבת!״
מיט גאַנצן כח

און עס קוואקען אונטער זשאבעס—
מע איז משמח
הויקער דלות
חתן כלות.
בלעטער-פרעסער פון זייער זייט
שטעהען אויך ניט אפ פון לייט:
קלייזל-שטשערעס, תלמוד תורה-מייז
ברייגנען פאקן-ווייז
שמות צוריסענע,
פרשיות צוביסענע,
און מע נעמט זיך מיט גרויס פלייס
דאס פוילע פארמעט קייען אויף ס׳ניי.
הכלל, געטאן, וואו נאר אַ סגולה—
אן שום פעולה!
העלפט ניט קיינע טענות-מענות—
איז מען גוזר תענית.

ב.

צונויפגעקומען אלע פערן:
פיפערנאטער, אייז-בערן
אין שנעע ווייסע קיטלען,
סויבלנע היטלען,
עלקענע שטריימלען מיט עקן,
לעמפערטן אין ראצע-מארענע
זשופיצעס מיט פלעקן,
העלפאנטן נאזנדיגע,
וכדומה יאדערדיגע

גילדערנע-אדערדיגע,
שווערלייביגע, וואוילגעבארענע,
גאטס סטראפטשעס געשווארענע.
אוועקגעשיקט דעם קהלשן גולם
נאכן פראסטן עולם:
פערד מיט שקאפעס,
ציגן, צאפעס,
קעלבער, האזן,
קינד און קויט.
אַ נאזהארן
האט שופר געבלאזן,
און אַ כפרה האן געקרעהט,
געלייענט ויחל.
געוועהנטליך ביי אזא פאל
פאסט ניט כלל
צו דאיונען כאראל:
דער בארימטער בעל תפלה,
דער כאלאוויי מיט זיינע נאטן,
קאן נאך, חלילה,
אל תפתח פה לשטן—
גאר צום עסק שאטן—
האט מען זיך בעראטן
און אויפגעזוכט דעריבער
אַ צובראכענעם שליח צבור:
דעם גרויסן בעל בכי, דעם ביבער.
יענער איז ארויס אַ נאסער

אבגעלעקט אמאל אַביינדל?
נישקשה, ס'מעג זיי אנשטעהן, בנאמנות,
איר זאלט זיי פארבייסן נאך אַ תענית
און מאכן איבער זיי אַ ברכה מיט כונות!...
דער גרויסער ר' בער
טוט צום עולם זיך אַ קער,
אומגעלומפערט שווער,
און ברומט:—איך שווער
מיט דער האנט אויפן דיך,
אז איך פיל ניט בא זיך
קיין הארבע עברה
אנטקעגן דעם בורא,
אדרבא, כ'היט מיר אפ מיט מורא
די הייליגע תורה,
פיר זיך אויף גאנץ יידיש
חסידיש-נגידיש:
אלע ראש השנה
מוז זיין שהחיינו
צום אנדערן קדוש,
אַ שאפן קי ל,
זיסע עפל
האניג צ א—אַ גאנץ טעפל;
הכלל, ט
איז א

ערשט פון וואסער
און אוועקגעלעגט אַ שען יום כפור קטן,
ווי גאט ברוך הוא האט געבאטן,
טרערן האבן זיך, ווי באב געשאטן,
אז אַ שטיין
האט געקאנט צעגעהן
פון געוויין.

ג.

נאך דער תפלה,
בעט ר' ליב די קהלה
זיך צוזעצן אויף די ערטער
און רעדט זיך אויס מיט הייסע ווערטער:
—„גרויס און שווער איז אונזער שטראף,
ווייל פארזינדיגט אן אַ סוף...—
בעט איך אייך אַצינד
זייט זיך מודה איטליכער אויף זיינע זינד
און ווער ס'איז מער פון אלעמען פארדארבן—
דער מוז זיין פאר אלעמען אַ קרבן.
איך אליין בין אויך גאר ני[illegible] קיין צדיק תמים,
האב אויף זיך נ'ט ווייניג שפיכת [illegible]מים,
ניט איין בעשעפעניש איז פון מ[illegible]אנט געשטארבן,
און איך בין גרייט צו זיין אַ [illegible]
—„גאט איז מיט אייך, רבי אי[illegible]
מאכט דער פוקס מיט [illegible]
„פון וועמען מא[illegible]
טאמער פון אַ [illegible]

איבערקערנדיג דאס בלאט,
איז מען דאך, ווי זאגט מען דאס,
ניט מער, ווי אַ בשר ודם,
דאס אויג זעהט, ווייס איך וואס,
און דאס הארץ גלוסט...
—בקצור, דעם שפיץ!—
מאכט דער טיגער מיט גרויס היץ,—
וואס טויג דא די אריכות?
—צו וועלכע רוחות
איילט איר זיך, ר׳ טיגער?
איר זייט דאך עפיס יא אַ קליגער...
יא, אַ קהלשע זאך איז קיין קאטאוועס:
אַ פערפלאנטערטער קנויל—
דארף מען טאקע לאנג ניט ברייען
און דעם ענין רעכט צעקייען
און אריינלעגן אין מויל...
וואו זשע האלכן מיר מחשבות?
יא, איך ווייס, איך בין קיין למדן,
טאקע דא אַ יצר טוב,
נאר דער יצר הרע, יענער קאט,
איז דאך אויך ניט פויל.
דערומאך זאג איך אפנהערציג,
אז ס׳וואלט גריילין ניט געשאדט,
ווען דער בית דין שמש
צעהלט מיר אפ מלקות ממש
אן איינס פערציג,

פיינליך, שמערצליך,
ניט מיט לאקשן אבי ווי—
דוקא מיט רצועות פון קלף צבי;
ר׳ הערשל וועט שוין אגב אורחא
פארדינען אַ מצוה מיט אַ שטיקל טרחא:
אוועקגעבן אין ארבעט
זיין הייליג פעל אויף פארמעט.
—„איי ר׳ בער, אַ לייט מיט אלע מעלות״—
מאכט דער פוקס מיט גרויס התפעלות—
„דאכט זיך גאר אַ תם—
און גיט אנ׳עצה׳לע—גן־עדן־טעם!
באמתן, ווער איז עס ריין פון אן עברה?
טא זאל ר׳ ליב ארויסגעבן אַ גזרה,
באשטימען יעדערן אן אנדער בהמה כשרה
לויט זיין כבוד נאך אויף מַלקות,
אדער על פי גורל, ווארפן גאלקעס,
מע מיינט דאך די הגדה, ניט די האלקעס,
ס׳הייסט די תשובה, סליחה ומחילה,
טאמער פאלט ניט אויס מיין גורל, חלילה,
אסור, אויב איך וועל אַווארט אנטקעגן זאגן,
וועל מיר יוצא זיין מיט כפרות שלאגן
און דוקא מיט אלע תג׳ן
ניט געמאכט קיין איבעריגע פראגן
היות מיינע האט אַ שווערן טראגן—
אַ קשיא אויף אַ מעשה?—
דריי הענער מיט דריי הינער ווייסע!״

די גאנצע גאלדנע פאן
דארט פון אויבן אן
שאקלט גאר צופרידן מיט די קעפ,
די עצה נעמט מען אן:
אַ כפרה—וואס שאט עס?
מלקות—אויך נישקשה;
נאר, וואו נעמט מען פארט דעם רעכטן רשע
פאר אַ קרבן חטאת?—
גיט דער שמש קלעפ
אויף די בימה טרעפ:
„רבותי, ווייניגער גערעדט!
היות, עס איז שוין שפעט—
בעהט גיכער צו על חטא!"
לסוף,
קומען אן דריי שאף:
שעפסל, שעפסעליכע
און אַ לעמעלע אַ קליינס—
טענה׳ט זי די צינגעליכע:
גיט אונז אויך פאר איינס,
רבותי, אַ שטראף,
צו אונזערע צרות אַ פארבייסעניש:
אנגעקומען פון אויסרייסעניש
אויף אונז אַ בייזע טרעפעניש:
עפיס אַ באשעפעניש
האלב צאפ און האלב באראן;
פון וואנען איז ער? פון חרן,

פון לאנד כנען.
איך מיט מיין מאן
דערמאנען זיךביידע
אן אונזער זיידע
ר׳ אברהמ׳לען
מיטן באראן פון עקדה
און גיבן אפ אונזער לעמלען
דעם פארשוין, ער זאל מיט אים קנעלן.
מיר איז עפעס ניט געפעלן,
אין פלוג פריקרע געווארן,
צי איז דאס בערדל ניט געשארן;
כלומרשט יא פאראן
אַ שטיקל בערדל,
נ̃אר ניט ווי מע דארף,
עפעס קורץ און שארף,
ווי אַ שפאניש שווערדל.
—היינט זיין חרן אנשטאט הרן!
יענער טענהט: „וואס שאדט אייך
מיין געדיכטער פתח?
ווער עס ווייסט דעם פאך,
פארשטעהט די זאך,
אז מיין שפראך
איז ערשט די עכטע פון תנך“
מילא, נעם שאץ אים,
געה פארהער אים, קראץ אים,
אז חוץ׳ן ביסל וואל און שער

זיינען מיר חיטים, עם הארצים,
און ווייסן ניט פון דאנען ביז אהער!
האבן מיר דערפאר אַ מומע,
אַ פרה אדומה,
אַ כשרה, אַ פרומע,
און זי האט אַ ביקל
אַ בחורל, אנ׳ אנטיקל,
אַ גריילׅיכער לערנער,
מיט אומגעהייערע כחות
צעשטויסט מיט די הערנער
די ווילדסטע בעלי מוחות.
היינטיגן שבת נחמו,
אויפן געמייזעכץ, צו אויסנעמענעש
(פאר קיין מוטער אזא הארץ קלעמעניש),
טוט די מומע מיר אַ מאך: מו!
דו ווייסט, אז דיין מלמד האט אַ שם
פאר אַ כל בוניק, שבתי צביניק?
זעה זשע, למען השם,
ברייננ נאך טשאלנט דיין מיזיניק
צו מיין עלוי זיך פארהערן.
מיינער גיט זיך צו מיין לעמעלען אַ נעם:
זאג נאר, ווי מאכט סגל מם?...
דאס קינד באוואשט זיך שוין מיט טרערן:
„איך“—זאגט ער—לערן
פשוט: „מע“
—מיט מזל און מיט ברכה,

אַ פארטיגער גוי אין דער משפּחה!
אוי, אַ פינסטערע מערכה!
כ׳וועל עס ניט אויסהאַלטן!
כ׳גיב אַ קוק אויף מיין אַלטן—
אַ שענערן טוט מען אין קבר באַהאַלטן,
אַ קליינינקייט. מיין איין איינציג קינד?
הײנט זאָגט, רבותי, אַצינד,
וואס קומט אונז פאר אזא זינד?
„אויף פירן צעשפּאַלטן!“—
מאַכט דער לעמפּערט
מיט אַן אומגעלומפּערט
קול אַ קאַלטן:
„פאר די נײַע מאָדעס
מיט וויסטע מעטאָדעס
פון גוי גולם
אַן אַ חולם,
פאַר אַן אלף בית
מיט אל דאָס בײַז
מיט עבודה זרה געשטאַלטן,
פאר אַ חומש אַ געמלטן“...
—„איצט איז רעכט!“—
שרײַט דער עולם—
אַט פון וואַנען שטינקט דער העכט!
קוילעט די רשעים, שעכט!
שטיקט, שטעכט!
—„מיין מצוה“—שפּרינגט אַרויס דער טיגער

„איך בין אן אלטגעזעסענער אַ היגער,
נעם איך אויף זיך די מיהע,
די קרבנות צו דערשטיקן
כ׳האב דערין אַ שטיק ידיעה,
מיין נשמה וועט זיך קוויקן,
טרינקען זייער בלוט פאר תקון
און זייער נשמה—האבן אן עליה״.
און עס טוט זיך, ווי עס רעדט זיך:
מע שלאגט, מע הרגט מכות רצח
און דער עולם כאפט שיריים,
זופט בלוט, טרינקט לחיים:
גאט זאל געבן, רבותים,
„בלע המות לנצח״.

יאסל, זופ ראסל! *)

„כלעבן, זופ אויס, יאסל,
נאך אַ טעלער פיש און ראסל״...
—גוואלד, איך בעט איין,
פיל איז נאך דער שעור—
איך האב אויסגעזופט שוין פיר—
—פאלג זשע מיר,
אן עלטערן און אַ געניטערן:
פאק די מילכיגע געריכטן:
שכל׳דיג, אין שיכטן

*) נאך דעם באַוואוסטן משל: „Демьянова уха“.

אויסגעלייגט אַ פאַק געדיכטן--
און פארגאסן באלד מיט שיטערן:
קער אריין אַ טראפּן זיך אַ ביטערן,
און פארבייס מיט הויזן-בלאזן,
הייס אין פוטער פּעט צעלאזן,
רייב אריין אַ קעזל אַ געקנעטענע,
איינגעטונקט אין סמעטענע—
און לעש אפ דעם דארשט
מיט אַ טעלער בארשט...
זעה נאר, ווי עס קוקט און פּארשט!
איך האב פיינט די פוילע תנועות
פון די שווער-געבעטענע!
נו, כאטש טו עס
לכבוד שבועות!...
מחותנתטע,
וואס גענעצסטו?
אז דו ווערסט
אזוי אן איידים געבן קעסט—
וועט ער ניט דערציהען ביז די פרעסט!
אוי, אַ בחור—
גאר אַ פלאכער!"
אזוי קעכלט מוכן יודע
שבועות צו דער ווייסער סעודה,
מעשה בעל הבית,
כעלות,
דעם אבגעאכטן חתן

ר׳ מרדכ׳לע.

יענער נעבעך זיצט
פארשוויצט,
פיטש נאס,
אנגעגאסן,
ווי אַ פאס,
רויט ווי צונטער;
אונזער ליבליכער מחותן
טרייבט אים אונטער,
אט מיט בייזן, אט מיט גוטן:
„קנישעס! קניידלאך! באבקעס!
שטשיפקעס! טייגלאך! לאטקעס!
פאמפושקעס! ווערטוטן!
טייגעכצער! ווארעניקעס מיט קרעפלאך!“...
—גוואלד, עס פלאצן אלע קנעפלאך!
—הויבט זיך אן מיט די גמרא קעפלאך!
מוזסט פארזוכן
נאך דעם קוכן,
היינט דיין שפרינצעס
האנט-ארבעט—מילינצעס!
(„טוט פישי, פראפאלא“):
מוזסט זיך מאטערן
און פטרן
זיי אלע!
הער נאר, ווי זיי פלאטערן
אויפן סקאווראדע און שמוצערן—
מילא,

פרוב מביש זיין אַ כלה!
מעגסט זי אנקוקן, די כלי:
איינמאל שוין אַ פוצערן!
יאדערדיג־ווי פלוצערן,
און אַ בריה—גאר אַ פלא!"
שפרינצן רויטלט זיך די צורקע
און—אַ שטעק דאס נעזל אין פאטשיילע
און די מחותנתטע אין בורקע
טוט אים שטילערהייט אַ פורקע:
„אוי, דיין פיסק, דאס טרפה!"
און דער בחור נעבאך גארט
צוליב טון דער יפה־פה,
נאר—טו, מאך—עס שפארט!
אט באקומט ער די מגפה!
און דא שטעהט רבי יורקע
און שרייט מיט ווילד אזארט:
„אַ העזה פון אַ שרץ!
קוקט אויף דער צדיקת
און לאזט איבער אויף דרך ארץ!
אן אַ תירוץ:
פאק אריין די אלע לאקשן דרייקעס
אט אהער אין פאס,
און פארווייק עס
מיט אַ טעלער קוואס!"
יאסל שאקלט מיט די פאה'קעס
אן דבורים,

ר׳ מרדכ׳לע.

ס׳האט אים
פון יסורים
אפגענומען גאר דעם אטעם.
געהט ביי יענעם אפ דער כעס
און ער מאכט שוין האלב מיט שפאס:
„יאסעלע,
ביסט גאר אַ פסולע
הוֹשענא!
האסט געהערט אַ טענה
פון אַ יאט?
ע ר א י ז ש ו י ן ז א ט...—
זופט מען גלאַט!
קוק אקארשט
נאר אן אַ בארשט:
פעט פארצויגן
פול מיט אויגן,
ווי אַ מלאך המות—
קיין קאטאוועס!״
מיינער מאכט זיך אַ לבבות
און נעמט ווידער אן אַ טעלער.
„אט אזוי—האב איך דיך האלט:
ניט קיין קענער—כאטש אַ וועלער!
זיי זשע ניט קיין יאלד
און זופ אויס דאס לעצטע ביסל
פונם שיסל
מיטן דרויב—

קלייניגקייטן, לויטער שטויב:
לעבערקעס, אקסעני מיט רויג...*)
קיין בייז אויג,
קוק נאר אן אַ רויג:
איטליכס יאדער, ווי אַ ניסל,
און אַ געלעניש—גינגאלד!"
און ריידנדיג—אַ הויב
די שיסל
און אַ בויג
ביזן פויג.
יענער זעהט, עס האלט דא מאוס!
אט באלד עקט זיך אים דאס חיות—
מאכט ער ניט קיין שהיות:
קנאק די שויב!—
און פון פענסטער האפ
שפרונג גאלאפ
אין איין יארמעלקעלע אויפן קאפ.
נאך הבדלה שיקט ער אפ
די תנאים מיטן זייגער,
און שפרינצע זיצט שוין אויפן שטייגער
ביזן גרויען צאפ.

---

*) דער בלאזערל אינם פיש, אנגעפיל'ט מיט רויג —
אַ מאכל אין ווּאלינער גוב.

יחוס*).

אמאליגע יארן די גוטע,
ווען יחוס האט געהאט די גרויסע שליטה,
האב איך געהערט דערצעהלן אין דער ליטא
אַ ציקאוון ספור:
פאר טאג ערב יום כפור
ביי א מוכסן אן אדיר
און אויף מצוות אַ מהדר
זיצט דער שוחט אויבן אן
אין שיינקל,
אויפ׳ן ביינקל
און שטעלט דעם חלף אן;
און דער מוכסן שטעהט,
שאקלט זיך און דרעהט,
ווי זיין שטייגער איז פון לאנגע יארן,
אַ גאלאגאנסקן האָן מיט שפארן,
ווייס, ווי מילך, אן קיין שום שפריינקל,
און דער האָן
שטעלט אַ טאן,
קוקט אין סדור,
קידער ווידער,
און מאכט צום שוחט אויף ס׳געליינק׳ל:
„איר זייט דאך קיין עין הרע
אַ ייד וואס קאטארע—

*) נאך דעם באוואוסטן משל: „Гуси".

טא הערט אַ מעשה,
אַ העזה פון אַ בור דאוריתא!
ער דארף אַ כפרה
און דוקא נאר אַ ווייסע—
איז נאר אַ האן אַ גאלאגאנער!
שטעהט ניט אן זיין שענעם האנער
יוצא זיין דארט מיט אַ גאנער!...
וואס מאכט איר אזא מינע?
נאך אַ שטיקל נפקא מינה.
לעת עתה
איז מיין טאטנס טאטע
געווען אַ האן
אַ גאון—
טאקע דער „לשכוי בינה"—
געשמט אויף דער מדינה!
הינער צעסארקעס
פון די שענסטע פולווארקעס
אין הויפן
פון שררות
פלעגן דאך לויפן
צו אים פוקד זיין עקרות..."
—מהיכא תיתא, זעהר שען,
אבער ווער ביסטו אליין?
„עפעס זייט איר, נכר,
דול, צי שכור—

איז דוכט זיך היינט ניט פורים.״
—שייך, „איך״? כ׳ בעט אייך
מע רעדט דאך
לויטערע דבורים
אז דער לשכוי בינה״...
—לאז אים רוהען בצל כנפי השכינה
און מעסט שוין גלייכער
גאר ניט אן דעם זיידנס ספאדיק;
ער איז געווען דער גרויסער צדיק
דערמאנט מען אים צו ברכת השחר,
אבער דו, רויטער קאם,
וואס מאכסטו דעם טאראראם?
אז איין ביסטו אויף צרות
און טויגן טויגסטו אויף כפרות!

כלי זמר *).

האניג-קוועטשער, בערל בינשטאק,
אייזל כניאק
און צאפ בן באק
מיט מאלפע חוזק מארשאלאק
פלעגן זיך צונויפקומען און פירן

*) נאך דעם באַזאָוסטן משל: „Квартетъ“.

טיף אין וואלד אונטער אַ שאטן
שמועסן און חקירן
וועגן כלל ענינים:
שוחטים מיט רבנים,
כלי זמר מיט חזנים.
אלע—פרום, ווי גאט ברוך הוא האט געבאטן,
און, ווי בעסטיעס פארעסענע,
וואלד געבוירן, אלט געזעסענע,
עכט פיר־פיסיג—הייסע פאטריאטן—
האט מען שוועבל פעך געשאטן
אויף די לוסטיגע חבריא,
פייגל לופטיג—פרייע,
מיט די לידעלאך די נייע,
ווידערשפעניג אויסגעלאסענע,
וואס זיי פרייפלען אויס אויף נאטן,
וואו אין וואלד אַ חתונה.
—אַ רציחה און אַ שאנדע—
מאכט דער צאפ,—
—אנקומען צו זייער כלי־זמר באנדע,
פונקט ווי קנאפ
גאר מוזיקאנטן
אייגענע אין היגע קאנטן,
דוכט זיך, וועמען איר גיט דא אַ כאפ,
לויטער קינסטלערשע טאלאנטן:
טאנצן אויף אַ וועטשער—
זאל געזונט זיין האניג קוועטשער;

מאלפע איז אַ מעטער (Maitre)
אויף אַ שפרונג, אַ קלעטער,
ווי אַ קלוין אַ נעטער;
היינט דער אלטער פעטער
חמר האט אזוי אַ פיינעם גוסט
צו שענע קינצן, בעלי בתיש יוסט,
און אַ קול—ווי פון אַ פאס אַ פוסט;
קורץ, רבותי, היינט ווערט אויפגעטאן נייעס:
כלי־זמר ווערן מיר בא חיות—
און אַ סוף מיט די הולטייעס!
אומר ועושה!
חברה מאכט אַ גרויסע
פאטריאטיש שארפע כוסע
און דערצו, אין גאטעס נאמען,
אויף די אלטע פלעצער,
נעבן בבל׳ס שטראמען,
און געפינט דארט גאנצע שעצער
פידלען, פלייטן,
פויקן מיט טרומייטן,
היינגען אויף די ווערבע־קלעצער
נאך פון גלות נבוכדנצר—
און עס פילדערט די קאפעליע—
ריפעט, סקריפעט האצמאך־האץ,
בוידים־קלאץ,
דער אין דעליע,
דער אין סטעליע--

און פארקריכט קיין האצעפלאץ.
—„ווייסט איר, ברידער“—הויבט דער חמר אן—
פאר וואס דער עסק ליגט אין קוואס?
ווייל מיר זיצן קידער־ווידער!
גיט אהער דעם קאמער־טאן
און זעצט זיך נאר אנידער
אלע אין איין פאס!
דו, בר דעת
(מאכט ער צום צאפ),
זעץ זיך, קלאפ
אויפ׳ן פייקל
נעבן בערל באס,
און דו, חוזק־חייקל,—
טו אַ קייקל
אויפן ביי־קול:
„לאם פאם
פידל פאם“,
אלע ענטפערן: „בים־באם!“—
וועט דער וואלד געהן כאדאראם!“
אויסגעזעצט זיך אויף די פלעץ,
און חברה גיט אַ זעץ
אַ נייעם פרק שירה—
יאמערדיג, ווי קעץ
אין ספירה:
שור־בור, טאראראם,
אן אַ ריח, אן אַ טעם!

מאלפע לץ
פאלט אריין גאר אין בדחנות:
„אַ מאנקאליע בנאמנות
פון אַ חמר-קאפ!
גראם שטראם, האמער קלאפ—
אלע אין איין שורה.
(אונזער בדחן
טוט דערווייל אַ לטחן
גאר אַ שטיקל קאניפאליע
פון ר׳ בער׳ס באנדורע).
איך ווייס גראד
דעם סוד:
זיצן דארף מען אין אַ ראד!
גיכער-גיך,
צאפ בן ציגעלע,
קריך זשע, קריך
גלייך אין עגולע,
זינגען מיר דיר אפ אַ נגולע:
„ציגעלע מיגעלע
רויטע פאמעראנצן״—
ווען דער וואלד אינגאנצן
ביי אונז טאנצן
קאראהאד״.
אויסגעזעצט זיך ווידער
לויטן מארשאלאקס געשלידער—
נאך אַ גרעסערער הארמידער,

אַ מהומה, ווי אין באד!
און פייגל, אלערליי געפלידער,
קילן די נשמה:
סטייטש, דערלעבט אזא נקמה!—
צעלעגן זיי זיך פרעהליך, מונטער
און העלפן כלומרשט אונטער:
חסידות־שטארכן,
אויער-הענער, שפעכטער,
אלע טערעלייקען, שנארכן—
אַ קאנצערט אַ רעכטער!
לעבעדיגערהייט זיך נאר באגראבן!
אפילו שווארצע ראבן
קייכן פאר געלעכטער...
און דא, מעשה שטן,
קומט דער עלטסטער פון די נאכטיגאלן
און איז גאר אַ בעלן
אויפנעמען די ליבליכע מוזיק
אויף נאטן.
פארפאלן!
„אז מע דארף דעם גנב האבן
נעמט מען אים אראפ פון שטריק"—
פארגעסט מען אויף אַ ווײלע,
אז מע איז די גרויסע פאטריאטן
און מע געהט פרעגן שפיל-פויגל אַ שאלה:
—„קוקסט אן אונזער רומל?
כלי-זמר—שטיק אין שטיק,

קעסל-כלים—גאר אנטיק—
מיטן זיצן נאר אַ שטיקל טומל.
זאג זשע אונז געערטער,
פויגלדיגער געלערטער,
ווי קומט אויס ביי דיר דער שכל
צו מסדר זיין די ערטער?״
—צו דער שפיל—
מאכט יענער מיט אַ שמייכל
דארף מען האבן זעהר פיל:
קודם—א געפיל,
היינט אנ׳אויער גאר אנ׳אייד׳לען;
אבער איר, פיר-פיסער,
פלאקן-שיסער,
מוזט זיין נעצר,
ווי די קלעצער—
בייט אייך פיל איר ווילט די פלעצער;
ווייל דאס האבן מיר אַ קימא לן,
אז פון חזיר-ווידלען
מאכט מען ניט קיין שטריימלען,
און פון בעזעמער—
ק״ן כלי-זמר.

משיח׳ס צייטן*).

אויף אַ בוים אַ הויכן שטעהט
אַ גאלאגאנער האן און קרעהט,
גארגלט, דרעהט,
ווי אַ חתן־בחורל אן אבגעאכטער
ציט אויף זיבן קלאפטער
אַ שלשלת אין אַ מפטיר.
אונטן לויפט אַ פוקס פארשמאכט
און טראכט:
„אוי כפרה, שענע,
ריינע!
ווי מעסט מען דיר אן אַ מיצל,
זאלסט פון מיר ניט ווערן נצול?
כלעבן, עס איז דא אַ שפיצל:
דעם יצר הרע טון אַ קיצל!"
שטעלט זיך אפ, שניידט אויס אַ צורה
מיט משוגענע העויות
און טוט אַ זאג: „געזעהן אזא פגירה?
שטעהט און זאגט זיין פרק שירה
און ווייס ניט פון זיין חיות!
מזל טוב דיר מיט אַ נייעס!
הער נאר, שוטה, און צעקיי עס:
ס׳איז געקומען שוין משיח,
און איך בין זיינער אַ שליח,

*) נאך דעם באוואוסטן משל: „Пѣтухъ и Лисица".

לויף אנזאגן די גוטע בשורה:
שלום אלע עופות, חיות,
אויס מיט בלוט פארגיסן!
מילך און האניג גאנצע טייכן פליסן—
אלע זאלן גלייך געניסן!
מעגסט אומיסטן טון אַ בליק
וואס טוט זיך אויפן פאפירענעם בריק.
דוד המלך׳ס
פידל סמיק
שפילט אַ פרעהליכס,
און חברה הוליאקעס
טאנצן עס קאזאקעס:
אַ לעמפערטשע מיט אַ ביק,
אַ לייב, אַ מלכות, מיט אַ ציג—
ניטא אמאלעדיגע יארן,
אויס נעגל, אויס ציין!
קום, איך וועל דיך דארט צונויפפארן
מיט דער אדלערקע אליין...
וואס קוקסטו דא אויף מיר מיט צארן?
טראכסט מכח מעגן, טארן?—
ציה מיך נאר ניט פארן צונג:
איך קען דיך פאר אַ פיינעם יונג—
גיכער, גיב אַ שפרונג!...
וואס זאגט איר צו דעם גולם?
דארט ווארט אויף אים דער גאנצער עולם—
און ער שטעהט און קראצט דעם קאם.״

מיינער מאכט זיך כלומרשט תם
און גיט אַ זאג גראם שכּראם:
זעה נאר העט ווייט דארט,
ווי עס לויפט אַ דארער כארט,
הינטער אים געשווינד
אַ גאנצע טיטשקע הינט,
אַודאי צוויי מנינים,
אויך אַ יעגער מיט אַ ביקס—
הער זשע, ליבער פוקס,
מיינס אנ׳עצה׳לע אַ קלוגס:
זיי לויפן דאך אַ פנים
אויך מכח די ענינים—
זיי זשע אזוי גוט
און ווארט אויף א פאר מינוט,
ביז זיי קומען אן די מחותנים—
געהען מיר צוזאמען אויף קבלת פנים״.
יענעם דארט געפעלט ניט שטארק די עצה—
איז אַ כאפ די פיסלאך אויפן פלייצע
און הלך הענדום
פענדום.
—„וואוהין זשע לויפסטו, טייערער שליח?״
—ווייסט זיי דארט דער רוח
און זייער טאטענס טאטן!
כלבים דעמאקראטן
גלויבן פאק ניט אין משיח!

פרעמדע קינדער *).

אַ הון אנ׳אשת חיל
איז יומם ולילֿ
אויף איר מענדל **) אייער אויסגעזעסן;
ווי אַ מוטער אַ געטרייע,
קיין מינוט געהאט קיין פרייע,
ניט דערעסן,
ניט דערטרונקען, ניט דערשלאָפן,
אין איין טראכטן, איין האפן:
אט א נאך אַ ביסל נאר,
דערלעבט זי שוין אַ דור,
קינדערלאך־געראטן,
איידל, קלוג און פיין,
און זי וועט זיי מגדל זיין,
ווי גאט ברוך הוא האט געבאטן;
און אז דער אויבערשטער וועט געבן,
וועט זי אפשר נאך דערלעבן,
זיי באזעצן אויך אויף אייער
און מיט איר אלטן האן דעם קרעהער
געהן צו כשר טאנץ אין שלייער...
געקומען שוין די צייט פון קימפעט

*) נאך דעם באוואוסטן משל „Курица“.
**) מענדל—$^1/_4$ שאָק, 15 שטיק, דאָס זעלבע „בנים זרים“—נאך יל׳ג.

מיט מזל און מיט גליק,
די יונגע עופה׳לאך מיט אימפעט --
פיק! פיק! פיק!—
פון שאלאכץ זיך אַ ריק
אויף גאטעס וועלט די פרייע.
אוי, קדישימלאך געטרייע,
שען, ווי גאלד, גאר אַ מחיה,
פעדערלאך געלע,
שטימעלאך העלע,
פיפסן, קוויטשען—אַ קאפעליע!
דאס קליינוואַרג, קיין בייז אויג,
וואקסט, ווי אויף הייוון, טויג
שוין רעכט צו דער פרנסה:
שארן, גראבלען
מיט די שנאָבלען,
וואו אַ קאָרן, וואו אַ פראָסע,
און די מוטער—נאר זי קוועלט,
שמעלצט זיך אזש פון גרויס הנאה!
נאר דאס גליק דא אויף דער וועלט,
ווי בא הינער, ווי בא לייט,
איז אַ גאסט, וואס האט קיין צייט:
פטרט אפ זיין וויזיט
אין אַ וועלכע צוויי מינוט
און ווערט אנטרונען גאר געשווינד,
פארגעסנדיג דעם „זיי געזונד“.
עס האט זיך אונזער הינדל

פארגלוסט אמאל דאס גאנץ געזינדל
פירן הייטע
פארביי אַ טיפן שטראם;
אין די קינדער די געשייטע—
הענדום
פענדום—
בוץ, אריין אין תהום
מיטן קאפ
אראפ!
מיינע בלייבט אין איינע שרעק
אויפן וויסטן ברעג,
פלאטערט, ציטערט,
שרייט פארביטערט,
וויינט און רופט צוריק—
יענע פלעסקען זיך גאנץ הייטער,
כארכלען מיט די נעזלאך,
לאזן אויפן וואסער בלעזלאך,
בויגן-בוקן זיך,
טובלען-טוקן זיך,
צאפלען-צוקן זיך,
ראנגלען-רוקן זיך—
ווייטער רק, אלץ ווייטער,
אוועק אוועק
צום פרעמדן ברעג,
און אהיים צוריק—
קיין איינציג בליק!

און די וויסטע מוטער
וויינט און קוואָקעט ביטער:
—אט איז דער גדול בנים!
כ׳האב אויסגעהאדעוועט, אַ פנים,
אויף בייז וואונדער
פ ר ע מ ד ע קינדער:
אַ יונגן דור פון ענטן!

* *
*

אדער... יידישע אינטעליגענטן